BENZION PATKIN

# THE CLOWNS

## *by* Shoshanna Keller Corrin

I sometimes wonder if it is possible to change one's character? Probably not. Perhaps modify, rather than change? Temper your excesses of spirit, your wild enthusiasm, your impetuosity. But how to do all that without destroying the poem in you? The yin and the yang out of balance.

My destiny, inescapable. I don't will it; it just happens. A clown in Bombay: when the elastic snapped as the call was announced, "Will all passengers travelling to Rome on Flight 981 please board the aircraft." So I tied a knot. Lost my suitcase. Arrived in Rome clutching my pants.

Tumble around the world's arena. Trip over your feet. Adjust your falling pants. Do a somersault. Grin. Turn your bitterness into a joke. Be a good trouper; entertain people; some will laugh with you. Forget the others. Self pity is emotional blackmail. Effective though, if you're a clown. In fact, it's expected of you. Tears and laughter. The trembling lower lip, as appealing as a small child's endearing smile emerging through the tears. But maudlin in an adult; ridiculous. Unless you are a professional clown.

How Joel laughed when I told him of my discovery. How, after fifty years I suddenly realised that I was a clown; had been a clown for most of my adult life without knowing it.

'Stop it!' he said. 'You're killing me! I'm not allowed to laugh. I've just had my stitches out. It hurts to laugh.'

I could see him on the telephone, holding his stomach, covering the sutures protectively with one arm.

'I've got to go now,' he laughed, and winced. Not in revelation. He didn't realise that I only wanted to stretch out my hand across the wires to touch his clown's soul.

He, with the deep furrows along his cheeks and his wide mouth and humorous eyes. I, with my nose. Two clowns ought to recognise each other across the wires. Even if it's out of professional camaraderie. Recognise the space between the trapeze swings, the grit in the sand as we tumble, the laughter of the crowds, the smell of greasepaint with which we mask ourselves.

He walks out into the garden, picks an overblown rose, plucks its drying petals, dropping them along the footpath as he saunters down the long silent street. Remembering his entertaining days, the smart women, the perfumes, the bars in foreign ports. Blue Moon and Summertime. The Rabbi act: dinner jacket worn back to front and a borrowed Homburg. Flicking the lead, metres of it, like a lariat about his prancing feet, holding the microphone with his other hand. And the laughter. And the clapping.

And the emptiness after the trip when there were no more ships. The space between the last peak on the chart and the zero dive into despair, until the angel appeared in white muslin, standing there under the marquee.

Then the space closed in, shrank around your contracting heart and you said, 'This woman is mine. This is my Eve. This, my garden.'

So they gathered the fruit and laughed while the birds circled above their heads, and they sank their teeth into the peaches and apples and plums until the trees were bare in the winter when the space came back, and you felt like a clown after the show when the crowds have departed, and you face the mirror as you wipe off the paint.

'You fool,' you say. 'You clown. How could you believe in miracles? In a Garden of Eden with no serpents. In everlasting summer with no nimbus clouds to darken the skies of your hopes?'

You innocent child, I weep for you as I weep for myself, for my lost childhood, for my dreams. But you know that there's got to be winter before the spring and the buds, before the summer and the fruit and the filling in of the wide deep space. It's a part of the game, the circus game.

---

## Imago

The face in the figured ground, familiar sensual face,
faun angel from some Leonardo corner,
eyes side-long, damp tendrils of hair twining
to take me,
I see you, familiar and feared,
an ordinary angel, masked
as my daemon, unaware and smiling.
I meet you, you don't know me, gentle, uncomplicated,
liking me, not recognising
what I expect from that disguise you wear.
Which is? I don't know. I am afraid of you,
of your complicity, in pact
to tear the feathers from those angel wings
and sly-eyed sink the spirit in the flesh.

But wings . . . Their weight and spreading
at my shoulder,
ready to launch myself on Heaven . . . Yet I sway,
I'll lose my footing if I learn to fly.

## Cry

Angels ineffable, I call your names,
Azrael, Michael, Raphael.
He has need of your wings about him.

To shelter against knives, rigors, vomit,
the wise physicians,
denials, the iron, the unction.

Dark feathered hide the abyss.
Pull Death over his head
warm, like a mother's womb.

Barbara Giles

# Yom Kippur

**Karen Marisa Cohen**

Alone
with guilt and puzzled mind
she sat
and wondered why she felt
confused and strange
alone
with guilt
at all.

Every year this day came round
And every year she sat with mother
listening — she listened.

The clothes were new
The words the same
The faces holding back emotion
just as though a smile would
give hypocrisy away.

And then outside the hungry ones
Complaining that the day was slow
Who do you fast for anyway?
That's what she'd like to know.

She felt alone with what she felt
and showed her feelings openly
For the hundreds who denied theirs
were so dutiful and sad.
Guilt-ridden they protected children,
told them they must fear and ask
forgiveness for their thoughtlessness,
their lack of tact, respect for elders . . .
Can you tell a child you're right?
You — projecting disillusion
You — who cannot free yourself
From hang-ups long implanted there . . .
How many can respect the children
Born into a different time
With ideas that are not the same
Thank G-d?

And down below her father praying
brothers praying
strangers praying
Well, she wonders, which one gives
a thought to what he's saying?

Around her ladies talked
Then they reclined to cast a solemn face
As though this were the way they should appear
upon this day.

Alone
she thought about religion
No more guilty for her thoughts
and eager to express herself
to those with open minds.

And those who couldn't cope
with confrontation
would just block her out
would never think of reasons
for the empty seat they saw.

Judgmental they would peer across
tutt-tutting at the vacancy
condemning what now threatened them
condemning
without trial.

And pity was expressed
towards the mother
trying hard
pretending
no
she didn't hear them scorn
in whispers
of rejection.

Alone
with guilt and puzzled mind
she sat
and wondered why she felt
confused and strange
alone
with guilt
at all.

# burlon hosiery pty. ltd.

*MANUFACTURERS OF MEN'S, LADIES' AND CHILDREN'S SOCKS*

**408 LYGON STREET, EAST BRUNSWICK, VIC. 3057**

**Telephone: 387 1433**

*Our firm extends best wishes to all our customers, friends and relatives, for the New Year.*

# Haross Press

COMMERCIAL & COLOUR PRINTERS

אייגנטימער:

הדסה און שמעון ראָזענבוים

**232-234 HIGH STREET,**
**NORTHCOTE, VIC. 3070**

*Best wishes to all our customers, friends and relatives, for the New Year.*

# bachelor's

modern clothes for men

RETAIL DIVISION OF SIX LITTLE TAILORS PTY. LTD.

231-233 bourke st.,
melbourne, 3000
phone: 63 3183

*Best wishes to all our customers for a happy and prosperous New Year.*

# UNITED CARPET MILLS PTY. LTD.

*Manufacturers of*
HIGH QUALITY TUFTED BROADLOOM,
AXMINSTER, WILTON

**5 AUSTRAL AVENUE, PRESTON, VIC., 3072**

Telephone: 480 1333

# M. RECHT ACCESSORIES

TRIMMING FOR THE CLOTHING TRADE
126-132 FLINDERS LANE, MELBOURNE, VIC. 3000
Telephone: 63-7457, 63-8583

☆

HAPPY NEW YEAR
to
FRIENDS and CUSTOMERS

# S. ERLICH

## PTY. LTD.

IMPORTERS • MANUFACTURERS
DISTRIBUTORS

of

# FOOTWEAR

563 VICTORIA STREET,
ABBOTSFORD, VIC. 3067
Telephone: 42-0758

צום נייעם יאָר

ווינטשן מיר משפחה און פריינד

אַ געזונט און גליקלעך יאָר

מר. און מרס. קינדערלערער

---

מיר ווינטשן

מדינת ישראל און דאָס יידישע פאָלק

אַ יאָר פון גליק, פרייד און שלום

מאַלטשע און חיים בראַון

---

געזונט און גליק

ווינטשן מיר אונזערע קרובים און פריינד

צום נייעם יאָר

משה און סטעפא ראַבינאָוויטש

---


Goldy's

COFFEE LOUNGE and RESTAURANT
CONTINENTAL MEALS SERVED

212 LITTLE COLLINS STREET, MELBOURNE, 3000

For bookings phone: 63-1034

אייגנטימערס:

צעשיא און אברהם גאָלדבערג

ווינטשן קונים, פריינד און משפחה

אַ גליקלעך יאָר


---

האַרציקע ניי־יאָר ווינטשן

פאַר משפחה, חברים און פריינד,

זאָל זיין אַ יאָר

פון געזונט און פרייד

רוזשקע און מיעטעק בוטלינסקי

---


ROBERT REX

**MEN'S OVERCOATS**

Makers of High Quality,
Hand Tailored Men's
Wool Top Coats and Raincoats

**4th Floor, 360 Little Bourke Street,
Melbourne**

ווינטשן פריינד און קאַסטימערס

אַ גליקלעך יאָר


---


**PHONES: 380-5723; 380-8776**

**BON-FOOD COMPANY**

**PTY. LTD.**

**G. WEINBERG**

MANAGING DIRECTOR

**51 WESTON STREET, BRUNSWICK, VIC. 3056
MELBOURNE, AUSTRALIA A.H. 53-5477**

ווינטשן

אלע אונדזערע קאַסטימערס

א גליקלעך ניי־יאַר


---

— פֿאַרוואָס טאַקע נישט? איז מען מיט יענעם מסכּים געווען.

— זי וועט פֿאַרשטעקן די סטודענטקעס אין וועסטל קעשענע מיט איר שׂכל, מיט איר אינטעליגענץ...

אין דער מומע רייצעס פּנים — האָב איך געקאָנט זען — שפּילן די קאָלירן, ווי אין אַ רעגנבויגן. זי נעמט אָטעמען אַביסל האַסטיקער, אַביסל טיפֿער, אירע אויגן טוען אַ גלי מיטן פֿייער פֿון צעגליטע קוילן. מ'קאָן פּילן דעם ברי...

ווען עמעצער ביי אונדז אין שטוב האָט נאָכער דער־מאָנט די מומע רייצע, האָט ווי אַן עכאָ געגומען אָפּקלינגען — האַו דו יו ספּעל איט...

עפּעס איז „האַו דו יו ספּעל איט" געוואָרן ווי אַ צווייטע נאַטור ביי דער מומע רייצע.

גענומען האָט זיך עס דערפֿון, וואָס צוליב ריקלעס גראַדואירונג איז די מומע רייצע אַריין אין די ביכלעך; גראַמאַטיקעס; שעקספּירן — און ווען נאָר ריקלע איז גע־ווען אין דער היים, האָט מען נישט געהערט עפּעס אַנדערש, ווי — ריקלע: האַו דו יו ספּעל איט?

אַלע סימנים — קאָן מען זאָגן האָבן געוויזן, אַז די מומע רייצע קלייבט זיך אָפּצוטאָן דער וועלט אַ קאָטאָוועס — און ווערן אַ סטודענטקע.

ביים פּעטער אהרן איז זי איבערנאַכט געוואָרן אַ פּראָפֿעסאָר — אַזוי האָט ער טאַקע גערעדט צו מענטשן.

— זייט וויסן — מיין ווייב, דער פּראָפֿעסאָר...

עס איז טאַקע מעגלעך — אַז די מומע רייצע וואָלט דער וועלט אויף צולהכעיס — געוואָרן אַ פּראָפֿעסאָר. נאָר אַז ריקלע האָט פֿאַרלוירן דאָס געדולד צו דערקלערן דער מאַמען: האַ דו יו ספּעל עט — האָט זי איר, אויף קאַ־טאָוועס אַ פֿרעג געטאָן:

— צו וואָס מאַמע דאַרפֿסטו דעם אוניווערסיטעט — זוכסט דען אַ חתן?

ביי דער מומע רייצען — דאַרף מען וויסן — זענען נישטאָ קיין פֿראַגן, אויף וועלכע זי זאָל נישט קאָנען ענטפֿערן.

— איך וויל טאַקע זען — פֿאַרוואָס מיין טאָכטער האָט עפּעס נישט געקאָנט געפֿינען אַ לייטישן בחור, צווישן אַזוי פֿיל פֿיינע סטודענטן...

— דיין טאָכטער — מאַכט ריקלע — דאַרף נישט קיין חתן — זי האָט שוין...

אָט דאָ איז די מומע רייצע געבליבן אָן לשון. שטום ווי די וואַנט. היטער אירע פּלייצעס אָן איר וויסן. שוין. אָפּגעטאָן. הפֿקר מיטאַמאָל.

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען ס'ערגסטע. ווען ריקלע האָט אהיים געבראַכט דעם בחור, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז נישקשה — אַ פֿיינער בחור. נישט מער: ער איז אַמאָל געווען אַ סטודענט און היינט איז ער אַ טעקסי־דרייווער.

אַזוי האָט אים ריקלע פֿאָרגעשטעלט.

און פֿאַר זיך אַליין האָט ער בחור געענטפֿערט:

— ביין — זיין טאַטע פֿאַרמאָגט נישט קיין פֿאַבריקן און נישט קיין געשעפֿטן. ער איז אַ גענז־פּיטער...

אפֿשר וואָלט די מומע רייצע עס פֿאַרגעבן, נאָר געזאָגט האָט ער עס אין אַ טאָן, פֿון וועלכן מ'האָט געקאָנט מיינען אַז ער גיט ראָטשילדן אַ גמילת־חסד...

די ריכטיקע חתונה האָט זיך אָנגעהויבן, ווען ריקלע האָט איינגעפּאַקט אירע קליידער, און זיך אַרויסגעצויגן פֿון דער היים.

— אָן אַ חופּה? סתם אַזוי? ווי וועט דיין טאַטע אויסזען צווישן מענטשן? אויסגעהאָדעוועט אַ טאָכטער, געגעבן איר פֿון שענסטן און בעסטן — צוליב וועמען האָט דיין טאַטע אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן, אויב נישט צוליב דיר?

כאָטש די משפּחה איז געווען דעם פּעטער אהרנס — האָבן זיי דאָך געהאַט גרויס רחמנות אויף דער מומע רייצע: זי איז עפּעס אַראָפּ פֿון דער מראה; עפּעס קלענער גע־וואָרן. איר אויסטערנהעט זיך — איז שוין נישט געווען דאָס אייגענע, ווי אַמאָל. זי כאַפּט זיך אָן אָן דעם פּעטער אהרן ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אַ שטרוי...

מען קען זאָגן: ריקלע איז געווען אַ קאַלטער גזלן:

— דערוויל מאַמע, וועלן מיר ווינען אַזוי. מחמת איזיס ווייב וויל אים נאָך קיין גט נישט געבן — אָבער זיינע צוויי מיידעלעך בלייבן מיט אונדז, און איך אַליין...

✶

דער פּעטער אהרן האָט זיך ארומגעזען, אַז אויב ער טוט נישט עפּעס — איז אויס מיט דער מומע רייצע. אוודאי האָט ער געוווסט דעם זאָג: אַז וואָס די אויגן זעען נישט — טוט ס'האַרץ נישט וויי — אָבער ווי מאַכט מען פֿון אַ זאָג — אַ תּכלית?

איך האָב שוין דאַן געאַרבעט ביים פּעטער אהרן און מ'האָט זיך געקאָנט אויף מיר פֿאַרלאָזן — אַזוי האָבן מענטשן געשעצט דעם פּעטער אהרן. ער אַליין האָט אויך געזען, אַז ס'איז פֿון מיר אַרויסגעקומען אַ לייטישער בעל־מלאכה. נאָר אויף יעדן פֿאַל — האָט ער אריינגענו־מען אַ מענעדזשער, אַ געשעפֿטס־פֿירער פֿון דער זעלבער בראַנזשע.

פֿאַרפּאַקט די טשעמאָדאַנעס — און אַוועק קיין אויס־לאַנד. אַ ניט — איז שווער צו זאָגן, וואָס פֿון דער מומע רייצע וואָלט געוואָרן...

# דער נייער דור

מיר באַגריסן — און באַוווּנדערן — דער משפּחה באָטוויניק פֿאַר זייער עקשנות און אויסדויער ביים אַרויסגעבן דעם פֿיינעם אילוסטרירטן זשורנאַל — פֿאַר קליין און גרויס.

דער נייער נומער (וועלכן ס'האָט אונדז געבראַכט דער פֿר׳ באַנאַ ווינטער) איז נומער 3 — ווינטער־פֿרילינג זומער 1980.

די משפּחה באָטוויניק וווינט אין מאָנטרעאַל און זייער ליבע צו יידיש איז אין לשער.

וועלדער; ערשט אָנגעהויבן פֿאַרלייגן א סטאָלער־קאָאָפּעראַטיוו. איר האָט אַן עשאַלאָן אַראָפּגעבראַכט פֿון טיף רוסלאַנד, אין דער גרויסער שטאָט, ווו זי האָ געהאָפּט צו געפֿינען איר משפחה. אָבער אויסגעפֿונען האָט זי — אַז זי איז אַ קײלעכדיקע יתומה. דער פֿעטער אהרן האָט געהאַט מער מזל: געבליבן מיט אים זענען אין וואַלד אַ ברודער און א שוועסטער. זענען זיי אַלע געוואָרן איין משפחה.

האָט דאַן געקאָנט זיין אַ רייד פֿון אַ חתונה מיט אַ פֿאַרנעם? זי האָט געוואָלט אָפּכאַפּן. ריקלעס חתונה וועט שוין אין איין וועגנס זיין אויך אירע — אַפֿילו דאַן — ווען קיינער וועט דערפֿון נישט וויסן. בלויז זי אַליין וועט עס פֿילן. זי האָט געפֿיבערט פֿון דערוואַרטונג, ווי אַן אמתע כלה־מײדל דאַרף פֿיבערן. כאָטש אַליין דערמאָנט זי זיך גאָרנישט, צי זי האָט יאָ, אָדער נישט... עס וועלן זיין צוויי כלות — און בײדע וועלן פֿיבערן איבער עפּעס אַנדערש...

מען האָט געדריקט הענט. דער פּראָפֿעסאָר האָט גראַטולירט מר. אהרנסאָן פֿאַר דער געראָטענער טאָכטער, און צו דער מרס. אהרנסאָן האָט ער געטאָן אַ לייכטן שמייכל, וועדליק דעם מנהג פֿון דער מדינה, ווו מען איז נישט מחויב צו געבן דער פֿרוי א האַנט, און מ׳קאָן אָפּקומען מיט א לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ.

דער מומע רייצען איז עס, פֿאַרשטענדלעך נישט געווען צום האַרצן, וואָרעם אַלע וויסן דאָך, אַז ריקלע איז איר טאָכטער. אָבער אײנרייסן מיט א פּראָפֿעסאָר איז נישט געווען איר דרך. פֿאַר אַ פּראָפֿעסאָר דאַרף מען האָבן דרך־ארץ. און — ער ווייס נישט — ווער ס׳איז ווער אין דער משפחה אהרנסאָן — דאָס איז נישט זיין שולד. זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט די געלעגנהייט, צו לאָזן אים וויסן.

ריקלע האָט זיך געקושט מיט דער מאַמען, און דער מומע רייצען איז אויסגעקומען, אַז מ׳קושט זיך שוין נאָך דער חופּה, אַז אָט באַלד וועט ציליך אָנהויבן דרייען דעם פֿילם פֿון דער מומע רייצע, ווי זי פֿירט ריקלען פֿון דער חופּה; ווי זי וויזט איר אָן, ווי אַזוי צו צעשנײַדן דעם חתונה־קוכן פֿון די פֿיר שטאָקן. די מזל־טובֿן הילכן אין אירע אויערן צוזאַמען מיט דער מוזיק פֿון אָרקעסטער...

דער פֿעטער אהרן האָט געפֿירט דעם „וואָלוואָ" — וועלכן מ׳האָט ספּעציעל צו דער געלעגנהייט געלאָזט אויסרייניקן פֿון די פּעקלעך צייכענונגען; פּרייז־קוראַנטן; האָלץ־מוסטערן און אַנדערע ביזנעס קלייניקייטן וואָס האָבן זיך דורך יאָרן אָנגעזאַמלט.

מיר האָבן שוין געוואָרט אויף זיי אין רעסטאָראַן, כדי צו באַגריסן דעם דאָקטאָר וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פֿון נאָדל.

דאָ, זעט איר — וואָלט איך זיך שוין יאָ איינגעשטעלט עודת צו זאָגן — אַז די מומע רייצע האָט שטאַרק הנאה געהאַט פֿון דעם טאַראַראַם; פֿון דעם פֿיינעם כינעזישן עסן; און אויב עמעצער האָט דעם גאַנצן אָוונט נישט אויפֿגעהערט צו רעדן, איז עס געווען די מומע רייצע. אגבֿ — זי אַליין האָט זיך דערצו מודה געווען...

דער פֿעטער אהרן האָט געטאָן ס׳זייניקע: ער האָט געגעסן וויין אין די גלעזלעך און געהאַלטן אין איין מבֿינות זאָגן אויף זייער געשמאַק.

דער חיות איז דער מומע רייצען אויסגעגאַנגען — עמעצער זאָל איר אָנווינטשן, אַז זי זאָל מיט מזל פֿירן ריקלען צו דער חופּה. נאָר די גאַנצע משפחה האָט עפּעס אָנגענומען א מויל מיט וואַסער, ווי זיי וואָלטן גאָר פֿאַרגעסן אַז דאָס איז ריקלעס שמחה — און וועגן אָט דער קיצלדיקער פֿראַגע געמאַכט דעם גרויסן שוויג. מען האָט זיך איבערגעקוקט — און מען האָט געשוויגן. אין אַן אַנדער צייט וואָלט די מומע רייצע דעם פֿעטער אַהרנס משפחה צענומען אויף פּיצלעך, פֿאַר אַזאַ מין פֿאַרשווערונג, פּונקט ווי מען פֿאַרגינט איר נישט. זי האָט נישט פֿאַרטראָגן, אַז מ׳דאַרף מענטשן ציען ביים צונג; מ׳דאַרף זיי אַרײַנלייגן אַ פֿינגער אין מויל. — וואָסי, אַליין קיין שכל האָט מען נישט? רייד מיט זיי — גאַנצע חכמים — נאָר אַז עס קומט צו תכלית זאַכן, מאַכט מען זיך געפּגרט...

די מומע רייצע איז געווען צופֿיל פֿאַרטאָן אין דער שמחה. זי האָט זיך געטאָן א שטעל אַוועק נעבן ריקלען, פֿאַרריסן דעם קאָפּ און זיך געלאָזן אָפּפֿאָרטרעטלען מיט אַזאַ מינע, ווי זי — און נישט ריקלע — האָט נאָר וואָס באַקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם.

ווו איז דאַן געווען דער פֿעטער אהרן? ער האָט געטרונקען אַ לחיים מיט אַן אַלטן באַקאַנטן, געשמועסט וועגן געהילץ; וועגן אימפּאָרטירן א געוויסן סאָרט שוואַרצדעמב, וואָס מ׳קריגט שוין באַלד נישט; וועגן פּאַכלייט — וואָס ווערן וויניקער. ער האָט זיך נישט געשטופּט. ער האָט אויף וועמען זיך צו פֿאַרלאָזן. די מומע רייצע, ביי איר גאַנצער קלוגשאַפֿט האָט גאָר פֿאַרזען, אַז ס׳פּאַסט אַז אויך דער פֿעטער אהרן זאָל זיין אויפֿן פּאָרטרעט פֿון דער גראַדואירונג. אַז זי האָט זיך געכאַפּט — איז שוין געווען נאָך אַלעמען. דער פֿעטער אהרן האָט שוין געהאַלטן ביים ווער־וויס־וויפֿלטן גלעזל, און דעם פֿאָטאָגראַף האָט מען געריסן פֿון אַלע זייטן.

דער פּאָרטרעט פֿון יענער געשעעניש איז געשטאַנען ביי דער מומע רייצען אויף א בכבֿודיק אָרט. נישט באַמערקן אים, איז געווען אוממעגלעך. עס האָט געקוקט אויף איך פֿון אַלע זייטן, און איר האָט תּמיד געהאַט דאָס געפֿיל, אַז די מומע רייצע האַלט אַן אויג אויף איך.

האָט דער פֿעטער אהרן באַמערקט דעם פֿאַרזען — זיין פֿעלן אויפֿן פּאָרטרעט? מעגלעך — יאָ און מעגלעך — נישט. קיין גרויסן צימעס דערפֿון האָט ער אַלנפֿאַלס נישט געמאַכט. שוין אָפּגערעדט — פֿון באַגלאָגן זיך.

פֿאַרשטייט זיך — גלייכגילטיק פֿאַרביי גיין דעם פּאָרטרעט, און סתּם גאָרנישט זאָגן, איז ווי מען וואָלט דורכגעגאַנגען אַ ברענענדיקן רינג — און זיך נישט פֿאַרסמאַליעט — איז אַזאַ זאַך מעגלעך?

— דער מומע רייצע — האָט עמיצער באַמערקט — פּאַסט אַז זי אַליין זאָל זיין אַ סטודענטקע.

— אַנצושטאָפּן די סוחרים — נישט געפּאַקט און נישט געמאָזלט, מיר קענען אַליין די חכמה פון פאַרקויפן און מאַכן אַן איבעריקן דאָלער, וואָסי? מיר אַרבעטן נישט גענוג שווער?

אַ גלייכע זאַך. נישט מער, דעם פעטער אהרן האָט זיך געדוכט, אַז ווען ער האָט אַ זון, וואָלט ער אים אויסגעלערנט די מלאכה — נישט פון מאַכן אַ מעבל־שטיק, נאָך פון אָנפירן מיטן גאַנצן געשעפט, וועלכן ער אַליין האָט אין די יאָרן אויפגעבויט. אָט, פון מאַכן אַ בענקל, אָפּטאָקן פּיס פאַר אַ טיש — ביז מענטשן האָבן זיך פאַרשטאַנען אויף זיין טאַלאַנט. און ווער וויל עס נישט פאַרמאָגן אַן אָריגינעל שטיקל מעבל?

ריקלע איז שוין געווען אין אוניווערסיטעט. זי איז שוין געווען פאַרטאָן אין דעמאָנסטראַציעס, אין מיטינגען; אין צייכענען פּלאַקאַטן; אין מאַכן צווישנרופן; עפּעס האָט זי אין דער פרייער צייט — צווישן איין דעמאָנסטראַציע און אַ זיץ־שטרייק — פאָרט עפּעס געלערנט, ווייל אין אַ געוויסן טאָג האָט די מומע רייצע אויסגעפּוצט דעם פעטער אהרן אין אַ ביז גאָר לייטישן אַנצוג, מיט אַ שוואַרצן בינדער — און זי אַליין, אויסגעצירט אין עסיק און אין האָניק — האָבן זיי זיך געלאָזן, ווענדליק דער איינלאַדונג — צום מאָנאַש אוניווערסיטעט — ביידווינען, ווי אַזוי ריקלע, דער מומע רייצעס, ווערט אַ דאָקטאָר פילאָזאָפיע. דער פעטער אהרן האָט געטראַכט, אַז צום מעבל קאָן מען עס נישט נוצן — אָבער ער האָט נישט געבראַכט די פאַרע פאַרן מויל. ער איז אַפילו נישט געווען איבערצייגט, אַז ס'איז אַ סגולה צו אַ שידוך.

די מומע רייצע האָט געשיינט, ווי אַ נאָר וואָס אויסגעשייערטער מעשענער סאַמאָוואַר. נאָר אַ פּנים האָט די מעלה, וואָס ער טוט נישט פאַראַטן דאָס, וואָס אינעווייניק קאָכט זיך.

און אינעווייניק — ביי דער מומע רייצען האָט עס ביז גאָר ווי געטאָן, מיט יענעם נאָגעדיקן פאַרדרוס, פאַרוואָס ריקלע, אויב שוין יאָ אַ דאָקטאָר — פאַרוואָס טאַקע נישט אַ מעדעצינישער דאָקטאָר?

זי האָט תמיד געזען דעם אייגענעם חלום: ריקלע ווערט אַ דאָקטאָר. אין איר פאַרליבט זיך אַ באַרימטער פּראָפעסאָר, איינער פון יענע וואָס האָקן אַן אָדער, עפענען ס'האַרץ, באַווייזן וווּנדער. אין אירע טרוימען איז דער חתונה טיש געווען אפשר אַ מייל די לענג. באַשטעלט איז ער מיט גאַרנדיקע טאַרטן; אויף וועלכע ס'האָט זיך געזילבערט צוקער „פראָסטינג". אויבן אָן זענען געשטאַנען צוויי באַפליגלטע מלאכים — אַן אָנבליק פון ריקלען און איר באַשערטן.

זי האָט שוין פון פריער געוווסט — וואָס פאַראַ חתונה זי וועט פראַווען: זי האָט עס געזען אין פילם. עס איז געווען אַ פאַרנעמיקע חתונה פון דעם אויל־מאַגנאַטס זון מיט דעם טאַטנס סעקרעטאַרקע. דאָס איז — קען מען זאָגן — די איינציקע סצענע אין פילם — קעגן וועלכער איר גאַנצער מאַמישער וועזן האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט — אַזאַ שלימזל פון אַ טאַטן? הערלאָזט אַזאַ מין זאַך?

און אַז זי שוואַנגערט איז וואָס? ווייס מען שוין נישט אין אַמעריקע ווו מען קאָן אַ קראַץ טאָן? ערט זיך נישט געקאָנט דערלויבן? נישט געקאָנט געפינען עפּעס אַ לייטישן שידוך?

אַ חוץ — הייסט עס — דעם שידוך — האָט אַלץ אויסגענומען ביי דער מומע רייצען. אַלץ איז געווען גוט און פיין. די סאַרווערס זענען געלאָפן מיט געטראַנקען; מיט די פּאַלומעסקעס געבראָטענע קאַטשקעס; וויין האָט מען געטרונקען אַזש פון פעסער. געוויס האָט זי נישט פאַרזען דאָס אָרט, ווו דער חתנס מוטער זיצט. דאָס קלייד, וואָס זי האָט געטראָגן, איז ווערט געווען אַ פאַרמעגן. די מומע רייצע האָט זיך אַפילו נישט פאַרגונען עס אָפּצושאַצן — טאָמער מאַכט זי אַ טעות... אויפן קאָפּ האָט די מאַמע געהאַט אַ מין היטעלע אויסגעזעצט מיט פּערל...

דאָס איז דער מומע רייצען נישט געפעלן געוואָרן. זי וועט דווקא לאָזן די געסט זיי זאָלן באַוווּנדערן אירע שיין־צוגעקעמטע האָר. זי וועט זיי באַשפּריצן מיט פינקלדיקע שטערן, אין וועלכע דאָס ליכט וועט זיך אָפּשפּיגלען און צעשיטן אין שטראַלן.

איך ענין האָט איר פאַרשאַפט אַביסל פאַרדרוס: ביז היינט ווייס זי נאָך נישט, וואָס פאַראַ מין קלייד זי וועט זיך לאָזן מאַכן...

אין איר פאַנטאַזיע, האָט זי געמאָסטן קליידער; געטוישט פאַסאָנען. זי האָט זיך געקריגט מיט די שניידערינס, אַז דאָס קלייד ברענגט אַרויס צופיל איר פיגור, און צו ווייניק איר כאַראַקטער. און נאָך עפּעס איז געווען אַ שטערונג. זי האָט נישט געקאָנט פאַרויסזען, ווי אַזוי דאָס קלייד וועט אויסזען אויפן פילם וועלכן מ'וועט מאַכן פון דער חתונה. אַ פילם אין קאָלירן... — זי וועט עס אומבאַדינגט אַדורכריידן פריער מיט ציליכן דעם פאָטאָגראַף.

זי האָט געהאָפט, אַז מיט איר נאַטור וועט זי די שוועריקייטן סוף כל סוף בייקומען...

אין זאַל האָט אַלץ אויסגעזען יום־טובדיק. די גראַדואַנטן, די עלטערן; די שוואַרצע, אַקאַדעמישע פעלערינעס; די פיר־עקיקע היטעלעך. די מומע רייצע האָט זיך אַוועקגעזעצט באַקוועם, ווען מען האָט אויסגעלייענט דעם נאָמען פון איר טאָכטער, האָט אַ טרער אַ פינקל געטאָן אין אירע אויגן... ריקלע... נאָך ערשט אַ קינד געווען — און שוין — קנאַפּע צוויי און צוואַנציק יאָר...

עס איז איר שווער געווען שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זי אַליין איז שוין וואָסערע פינפאונצוואַנציק יאָר נאָך דער חתונה...

קיין פילם האָט קיינער אין זינען נישט געהאַט צו מאַכן. אַפילו קיין חופּה־קלייד האָט מען נישט געקאָנט באַקומען, אין ערשטן יאָר נאָך דער מלחמה. מען האָט זיך באַנוגנט מיט אַ מנין יידן אין אַ פּשוט פּלעשל „סאַמאָגאָן", וואָס האָט אין יענע צייטן אויך געקאָסט אַ פאַרמעגן.

בכלל — ווי קומט זי צום פעטער אהרן? ער — ערגעץ פון דער ליטע, איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון די

מ. אייזענבוד

(דערציילונג)

# די אַספּיראַציעס פון דער מומע רייצע...

די מומע רייצע האָט פאַרמאָגט איר אייגנס — אַ טאָכטער. אַנדערע האָבן אויך געהאַט טעכטער — נאָר מיט דער מומע רייצעס טאָכטער קען מען זי נישט פאַרגלייכן. אַז מען וויל — האָט זיך דער מומע רייצעס טאָכטער מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון די אַנדערע מיידלעך ביי אונדז אין גאַס. זי האָט חלילה נישט געהאַט קיין צוועלף פינגער אויף די הענט, אָדער דריי בריסטן, אָדער ווער ווייס וואָס פאַר אַ אויסנאַם זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. ווען איך דאַרף עודת זאָגן, וואָלט אויסגעקומען, אַז ריקלע איז אַ מיידל מיט אַ קאַרפּאַטן נעזל וואָס איז תמיד געווען אַביסל צוגעברוינט פון דער זון; שעלמישע צוויי אויגן, וואָס האָבן פאַרשעריש נאָכגעקוקט אַלץ, דעריקערשט זאַכן וואָס מען דאַרף נישט, און ווו מען האָט זיך גאַנץ גוט געקאָנט באַגיין אָן איר. אין די צוויי קורצע צעפּלעך האָט זי אַריינגעפלאָכטן סטענגעס, יעדעס מאָל פון אַן אַנדער קאָליר: און דעריבער האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען אַנדערש געפלאָכטן. אַ קאָליר האָבן אירע האָר — עפּעס ווי איבערגעטריקנט שטרוי — עפּעס ווי זאַמד־קאָליר, און אין אַלגעמיין האָט מען בכלל נישט געקאָנט אויף געוויס זאָגן וועגן זייער ריכטיקער פאַרב, ווייל ערטערווייס זענען זיי געווען טונקל; ערטערווייס האָט מען געקאָנט מערקן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דעם קורצן, קאַרפּאַטן נעזל און די שטרויענע האָר און דעם שעלמישן קוק פון אירע אויגן. מען קאָן זאָגן מיט אַ רואיק געוויסן — אַז ס׳האָט ריקלען געפעלט דער יידישער חיין — וואָס האָט געקאָנט זיין אי אַ מעלה און אי אַ חסרון, ס׳ווענדט זיך ווי מען קוקט אויף די זאַכן.

וואָלט די מומע רייצע געווען דערביי — דאַרף מען זיך מודה זיין — וואָלט מיר ערשטנס קיינער נישט געפרעגט קיין מבינות — קוק נאָר אָן דעם מבין פון אַ יאָר פערצן, צי אַפילו פופצן. און צווייטנס טאַקע — ווער האָט זיך עס געקאָנט אונטערנעמען צו פאַרגלייכן דער מומע רייצעס טאָכטער מיט עמעצן, מעג עס זיין דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט — אַ נעכטיקער טאָג. לויט דער מומע רייצען איז אויסגעקומען, אַז דאָס איז עס: ריקלע. בלויז ביי איר האָט געקאָנט געבוירן ווערן אַזאַ טאָכטער און בלויז איר ריקלע האָט באַקומען די האַדאָוואַניע ווי ס׳געהער צו זיין — שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס ריקלע האָט אַלץ אויפגעטאָן אין די קלאַסן.

נו — און דער פעטער אַהרן — קען מען פרעגן — גאָרנישט? טאַקע גאָרנישט? נישט זיין שכל, נישט זיין אויפטו אין ביזנעס? נאָר ווער וועט זיך עס איינשטעלן דאָס לעבן און פרעגן די דאָזיקע פראַגע? איך נישט. די מומע רייצע איז גרייט דעם פראַגן־שטעלער צו בלייבן אַ שונא אויפן גאַנצן לעבן. אָבער עמיצער האָט געפרעגט: — דער פעטער אַהרן? — פאַר דער מומע רייצע איז בכלל אַ רעטעניש און ביז גאָר אומפאַרשטענדלעך אַזאַ מין פראַגע. — וואָס הייסט דער פעטער אַהרן? ווי קומט דאָ אַריין דער פעטער אַהרן?

דאָס אַלץ — דאַרף מען פאַרשטיין, האָט זי געמיינט — אין גייסטיקן זין. וואָרעם אַפילו די מומע רייצע — ביי איר גאַנצער שטאָלצקייט און איבערצייגונג אַז ריקלע פאַרמאָגט איר אינטעליגענץ; אירע פיאיקייטן; אַז בכלל — זי און ריקלע זענען ווי צוויי טראָפּן וואַסער — זי אַליין וועט דאָך נישט גיין אָפּלייקענען דעם פאַקט גופא — אַז דער פעטער אהרן איז ריקלעס טאַטע. אָבער נישט מער.

מיט וואָס אייגנטלעך איז ריקלע אַנדערש פון — לאָמיר זאָגן — לעבנזאָנס טאָכטער, וואָס וווינט אַ טיר אין אַ טיר מיט דער מומע רייצע — דאָס האָט מען בשום אופן נישט געקאָנט דערגיין. אַלנפאַלס — נישט פון דער מומע רייצע גופא. כאָטש כ׳האָב געהערט מענטשן זאָגן:

— דאָס גוטע יאָר זאָלן זיי האָבן, ווי לעבנזאָנס טאָכטער פאַרשטעקט ריקלען אין אַרבל, אי מיט איר שיינקייט און אי מיט איר אויסנעמען ביי בחורים...

אוודאי איז עס דערגאַנגען צו דער מומע רייצען.

— אַליין, הייסט עס פאַרשטייט מען שוין גאָרנישט? מענטשן אידיאָטן. באמת. דאָס — וואָס ריקלע איז דער מומע רייצעס טאָכטער — פאַרענטפערט שוין אַלע צווייפלען.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם — האָבן מענטשן ליב געהאַט ריקלען. זי איז געווען אַ פריינדלעכע, אַ צוגעלאָזענע; אַ וואַרעמע. זי האָט נישט געבלאָזן פון זיך; אין קלוב האָט זי פאַרבראַכט מיט אַלע יינגלעך — אַבי ס׳איז געווען פריילעך. אַבי זי איז געווען צווישן אירס גלייכן.

באַקאַנטע האָבן אויף ריקלען געהאַט גרויס רחמנות.

— זי וועט נעבעך פאַרזיצן...

— משוגה מיינע שונאים — אַזאַ מיידל ווי ריקלע?

— אַ קלאָרע זאַך. קיין יידישע פרינצן זענען נאָך הערווייל נישטאָ, און די מומע רייצע וועט נישט „סעטלען" אויף עפּעס ווייניקער...

✶

דער פעטער אהרן האָט געהאַט גענוג צו טאָן, אויסער אַריינלאָזן זיך אין די תכלית זאַכן, וואָס אָנבאַלאַנגט זיין טאָכטער.

— די צוויי ווייבער וועלן זיך שוין אַליין אַן עצה געבן — אַזוי האָט ער געטענהעט פאַר פריינד. נישט מער: סיי ער אַליין און סיי די פריינד האָבן געוווּסט ווי גרויס דער בראָך איז, און ווי ווייניק דער פעטער אהרן האָט צו זאָגן. האָט ער זיך בעסער אָפּגעגעבן מיט זיין מעבל־פאַבריק און מיט דער פאַרנעמיקער מעבל־קראָם, וואָס האַלט זיך אין איין צעוואַקסן, טאַקע ביי דער פאַבריק. אין דעם איז געלעגן דער מומע רייצעס קאָפּ.

געשריבן מיט 25 יאָר שפעטער, האָט געהאַט אַ ראַדיקאַל אַנדערן טעמפעראַמענט. זיין בליק אויף דער ידישער פרוי איז די הויפט־מאָטיווירונג הינטער דעם ראָמאַן פון אַ פערד־גנב. ער וויל נישט לויבן די צניעות פון דער יידישער פרוי. נאָר אָפּאַטאָשו געפינט זיך אין אַ שטייג, ער דאַרף אויסקלייבן צווישן די ווערטן פונעם באַפרייטן אינזשיניער (ד״ה זיך אַליין) און די פון זיינע קינדער־יאָרן. רחל און זאַנוועל געהערן, נאָך אַלעמען, צו דער סביבה פון זיינע קינדער־יאָרן. די ווערטן פון יענער סביבה זענען די זעלביקע ווי די פון שלום־עליכמס ראָמאַן. רחל דאַרף זיך אָפּזאָגן פון איר גנב (אָדער כלי־זמר) און לעבן מיטן מאַן וואָס די עלטערן וועלן פאַר איר אויסקלייבן, צי ער געפעלט איר צי נישט. דער אינזשיניער פילט אָבער די „היפּאָקריטסטוואָ״ פון די אַלטע ווערטן, און פון רחלען, וואָס לאָזט זיך פאַרפירן פונעם פערד־גנב אַזש ביזן סעקסועלן אַקט, אָבער זי וויל נישט חתונה האָבן מיט אים.

אינעם פערד־גנב „געווינען״ די טראַדיציאָנעלע ווערטן, כאָטש ס׳איז קלאָר, אַז דער מחבר איז נישט צופרידן דערמיט. ביים סוף פון סטעמפעניו איז דער נאַראַטאָר פול מיט רחמנות אויף רחלען און איר גורל. אָפּאַטאָשו האָט נישט קיין רחמנות אויף רחלען און איר גורל. ער איז אין כעס. דער כעס איז גלייך אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אַליין, ווו דער נייער צייטגייסט דערלאָזט, אַז דער רחל פערסאָנאַזש זאָל אָפן באַווייזן אירע געפילן און פאַרלאַנגען. און דאָ האָט אָפּאַטאָשו געפּרווט זיין אָפן און ערלעך מיט זיך אַליין. אויב די צייט דערלאָזט, אַז אַ רחל־פערסאָנאַזש זאָל אריבערשפרינגען די גרענעצן פון איר טיפ, דאַרף זי שוין מער נישט הייסן רחל. די העלדין פון אַליין שטעלט מיט זיך פאָר אַ נייער אידעאַל פון דער יידישער פרוי. איר נאָמען, נאָך דער מוטער שרה, איז דערפאַר זייער פאַסיק.

★

די דריי רחלס און שרהקע האָבן אַלע חתונה מיט חסידישע סוחרים, ביי וועלכע עס פעלט אין גאַנצן אַ צוציקראַפט. ווען אָפּאַטאָשו באַשרייבט שרהקעס מאַן, ברוך, זאָגט ער, אַז „איבער די באַקן, אונטער דער גאָמבע, האָט זיך געזען איינצלנע געקרויזלטע האָר, ווי עס פאַרוואַלגערן זיך אַ מאָל אין אַ זאַמדיקן געגנט איינצלנע גרעזלעך״. דער מאַן פון רחל (פונעם פערד־גנב), אויך ברוך, קען זיך אַליין נישט ראַטעווען פון זיין קאָנקורענט. נאָר רחלס בלייבן מיט אים ראַטעוועט אים.

די פרויען פילן זיך נישט צוגעצויגן צו זייערע טישע, אומאינטערעסאַנטע מענער. דער צוצי אָבער פון די מענער וועמען זיי האָבן יאָ ליב איז, להיפוך, רייך פיזיש. אַ גוטער משל דערפון איז שלום־עליכמס באַשרייבונג פונעם עפעקט פון סטעמפעניוס אויגן אויף רחלען:

„עפּעס ציט איר דאָס האַרץ, עפּעס גלעט ביי דער נשמה, נאָר וואָס דאָס איז — פאַרשטייט זי נישט. זי הויבט אויף די אויגן, אַהין פון וואַנען עס גיסן זיך די זיסע קולות, און דערזעט אַ פּאָר וווּנדערשיינע שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן גלייך אויף איר, און נעמען זי דורך ווי שפּיזן, ווי שאַרפע שפּיזן. די וווּנדערשיינע שוואַרצע פייערדיקע אויגן קוקן אויף איר און ווינקען צו איר און רעדן מיט איר. רחל וויל אַראָפּלאָזן אירע אויגן און קאָן נישט״.

אָפּאַטאָשו גיט איבער אַן ענלעכע סצענע צווישן רחלען און זאַנוועלען לויט זיין שטייגער:

„דו ביסט נישט קיין גנב! אַ גנב דערקען איך באַלד. ער האָט אַזעלכע קאַלטע, שאַרפע אויגן און דו האָסט דאָך אַזעלכע גוטע אויגן! — און זי האָט זיך געכומען בעטן: — נעם מיך נאָך אַ מאָל אויף דער האַנט און וויג מיך... אָט אַזוי! שטאַרקער! שטאַרקער!...״

די קראַפט וואָס קראָנענבערג באַווייזט לגבי שרהקען איז דאָס אינטערעסאַנטסטע: ביזן טאָג וואָס זיי זענען אַנטלאָפן האָבן זיי קיין פיזישן קאָנטאַקט נישט געהאַט. בלויז אָט דער צוזאָג פון אַ געזונטער, פיזישער און עמאָציאָנעלער פאַרבינדונג, וועגן וועלכער שרהקע האָט ביז אַהער נאָר געקענט חלומען, קען זי טרייבן איבערצולאָזן אַלץ, אַפילו איר ניי־געבוירן טעכטערל:

„קראָנענבערג האָט זי אַרומגענומען, אַרויסגעשלאָגן אַלע ספקות פון קאָפ, זי אַריינגעזעצט אין שליטן, פעסט איינגעטוליעט, און זיי זענען פאַרשוווּנדן אין געדיכטן וואַלד״.

דאָס וואָס שרהקען ווייסט, אַז קראָנענבערג איז אַ רעוואָלוציאָנער, אַ קעמפער פאַרן נייעם לעבן, דערמוטיקט איר זיך אָפּצורייסן פונעם טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער. נישט סטעמפעניו און נישט זאַנוועל, שוין אָפּגערעדט פון מרדכין, האָבן דאָס געקענט באַווייזן. דער כלי־זמר און דער גנב האָבן זיך אויסגעלעבט אויף דער פעריפעריע פון דער יידישער געזעלשאַפט, אָבער זיי האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט אין גאַנצן דערפון. זאַנוועל חלומט אפילו פונעם טאָג, ווען די שיינע יידן וועלן אים אָנערקענען. קראָנענבערגס צוזאָג פון אַ טאָטאַלן ריס מיטן אַלטן לעבן גיט שרהקען דעם קוראַזש צו שאַפן אַ נייעם לעבן פאַר זיך. די מתנה פון די נייע צייטן, עפּעס וואָס שלום־עליכם האָט נישט געקענט פאָרויסזען אין 1888, האָט געגעבן שרהקען דאָס עמאַנציאָנעלע ווינקעלע, וואָס האָט פריער געפעלט.

---

*זען דן מיראָן: A Traveler Disguised וועגן שלום־עליכמס פּרוּוו צו שאַפן אַ ליטעראַרישן עבר אינעם געשטאַלט פונעם זיידן, מענדעלען. דאָס וואָס פּרץ האָט זיך אָפּט באַנוצט מיט מאַטעריאַלן פונעם „מעשה־בוך״ פאַר זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ און אַנדערע ווערק איז ברייט באַוווּסט.

**די רחל פון „אַליין״ און פון „אין פּוילישע וועלדער״ פיגורירט ווי אַ קאָנטראַסט. זי מאַכט בולטער דעם מצב פון שרהקען, און ווערט נישט אויסגעפּורעמט ווי אַ מענטש גופא.

***שלום־עליכמס רחל האָט זיך פאַרליבט אינעם כלי־זמר סטעמפעניו, נאָך דעם ווי זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ חסידישן סוחר. זי זאָגט זיך אָפּ פון אַלע מעגלעכקייטן פון ליבע און בלייבט ביים מאַן. ביים סוף פונעם ראָמאַן, ווי אַ סימן אַז זי וועט בלייבן ביים מאַן, האָט זי זיין קינד.

שׂרה זילבערמאַן

# עוואָלוציע, נישט רעוואָלוציע, אין דער יידישער ליטעראַטור

### צום 26סטן יאָרצייט פון יוסף אָפּאַטאָשו

די „יונגע" זענען באַוווּסט אויף דער יידישער גאַס פאַר די רעוואָלוציעס און רעוואָלוציעלעך וואָס זיי האָבן געמאַכט אין דער ליטעראַטור. דאָס איז דער עיקרשט אמת וועגן די יאָרן 1907—1920, ווען דער נייער דור יידישע שרייבער איז געווען אַ פּנים־חדשות אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור. אין יענע יאָרן האָבן די „יונגע" באַרעדט די עטאַבלירטע יידישע שרייבערס ווי אָנגעשטעלטע פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. זישע לאַנדוי האָט אַפילו אַ נאָמען געגעבן דעם גרויסן פּרצן ווי „דעם וואַרשעווער ליטעראַט". ראובן אייזלאַנד האָט אין 1915, נאָך פּרצעס טויט, געשטעלט די שקאָצישע פראַגע: „האָט פּרץ דען געהאַט וואָס פאַראַ נישט איז באַטייט אין אונדזער לעבן אָדער שאַפן?" סיי אין דרוק, סיי בעל־פּה האָט דער יונגער דור זיך באַרימט ווי דער ערשטער דור יידישע שרייבערס. די „יונגע" זענען אָבער נישט געווען קיין מאָנאָליט, און נישט אַלע זענען געווען גרייט אָוועקצומאַכן זייערע ליטעראַרישע פאָרגייערס מיט דער האַנט.

יוסף אַפּאַטאָשו איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן געזוכט אַ באַרעכטיקונג פאַר דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, ווי עס האָבן געטאָן שלום־עליכם און פּרץ פאַר אים*. יינגלוויז, נאָך אידער ער האָט פאַרלאָזט פּוילן אין 1907, איז אָפּאַטאָשו געפאָרן קיין וואַרשע כדי צו וויזן פּרצן זיין דערציילונג „אויף יענער זייט בריק".

ער האָט אָנגענומען פּרצעס היסטאָרישן באַוווּסטזיין. דאָס האָט דערפירט נישט נאָר צו אָפּאַטאָשוס היסטאָרישע ראָמאַנען־ציקלען — עס האָט אויך געפירט צו דעם, אַז דער יונגער שרייבער זאָל דערקענען זיינע ליטעראַרישע פאָרגייער, אַזוי ווי זיין רבי האָט געטאָן מיטן מעשׂה־בוך. אַ גוטער משל דערפון איז דער פּראָבלעם פון שלום עליכמס סטעמפּעניו (1888) און אָפּאַטאָשוס אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב ((1912), אַליין (1912—1919), און אין פּוילישע וועלדער (1915—1921).

✶

אין אַן אַריינפיר־וואָרט צו פריילינכס יוסף אָפּאַטאָשוס שאַפונגס־וועג (1951) זאָגט אָפּאַטאָשו דאָס ווייטערדיקע:

„אין 1912 האָט זיך מיין 'ראָמאַן פון אַ פערד־גנבי' געדרוקט אין זאַמלבוך 'שריפטן 1'. דער ראָמאַן איז געווען ברייטער פאַרטראַכט. רחל, זאַנוועלס געליבטע, איז שׂרהקע פון 'אַליין'. דער 'פערד־גנבי' און 'אַליין' — איין ראָמאַן".

בײדע ראָמאַנען באַהאַנדלען די זעלבע טעמע: וואָס געשעט ווען די עלטערן צווינגען אַ מיידל חתונה צו האָבן מיט אַ בחור, וואָס זי האָט נישט ליב. די צוויי ראָמאַנען זענען געשריבן געוואָרן כמעט אין דער זעלבער צייט, ווייל קאַפּיטלען פון בײדע ראָמאַנען זענען דערשינען אין אברהם רייזענס זשורנאַל דאָס נייע לאַנד אין 1911. דער פערד־גנב באַלאַנגט אָבער צו אַ פריערדיקן עטאַפּ אינעם מחברס געדאַנקען־גאַנג.

אָפּאַטאָשו זאָגט, אַז ער זעט שׂרהקען און רחלען ווי איין פרוי. בײדע זענען פיזיש ענלעך, מיט לאַנגע שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן. אין אַליין פיגורירט נאָך אַ רחל. אויך זי איז אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, אויך זי פירט אַ ביינאַכטיקע ליבע פאַר דער חתונה (ווי די אַנדערע צוויי מיט שׂרהקעס טאַטן**. ווי די אַנדערע צוויי ווערט זי געצוווּנגען חתונה צו האָבן מיט אַ יונגן חסיד — אַ סוחר.

די אַנטוויקלונג איז אַ קלאָרע. די ערשטע רחל ווערט געצוווּנגען צו פאַרלאָזן איר געליבטן, אַ יונגן פערד־גנב, כדי חתונה צו האָבן מיטן חסיד. די צווייטע רחל איז פאַרליבט אין מרדכין, אַ זון פון חסידישע עלטערן, וועלכע זענען שטאַרק אומצופרידן מיטן שידוך. דאָס מאָל דאַרפן די עלטערן (סיי פון רחלען סיי פון מרדכין), צעשיידן דאָס יונגע פּאָרל מיט גוואַלד. רחלס טאַטע פירט זי אַוועק אין שטאָט, און מרדכי ווערט געשיקט צום רבינס הויף אין קאָצק, וווּ ער איז זיך משדך מיט דער טאָכטער פון אַ באַלעבאַטישער חסידישער משפּחה.

שׂרהקעס לעבנס־מעשׂה איז שוין קאָמפּליצירטער: זי פאַרליבט זיך ערשט נאָך דער חתונה. נאָכן געבורט פון איר קינד, אַנטלויפט זי קיין אַמעריקע מיט איר געליבטן, דעם רעוואָלוציאָנער קראָנענבערג. בעת רעוואָלוציאָנערע צייטן, ווי 1905 (שׂרהקע און קראָנענבערג פאַרזאָלן פּוילן אין 1906), איז דער רוף פון טראַדיציע אַ שוואַכערער ווי געווינטלעך, איז דער באַשלוס צו איגנאָרירן דעם מאַן אירן אַוודאי גרינגער ווי ס'איז געווען מיט אַ דור פריער, ווען די רחלס האָבן געלעבט. אָפּאַטאָשו רעדט אַ מאָל וועגן דער השפּעה, וואָס די קלאָגן האָבן געהאַט אויף אים, ווען זיי האָבן זיך איינגעשטעלט, אַז ער זאָל רחלען צונעמען ביים פערד־גנב. נאָך אַ השפּעה, און אפשר אַ גרעסערע, איז געווען די בלאָנדע העלדין פון שלום־עליכמס „יידישער ראָמאַן" סטעמפּעניו (1888), וואָס האָט זיך געפונען אין אַן ענלעכן מצב ווי רחל***.

סטעמפּעניו האָט דער מחבר באַטראַכט ווי מער פון אַ ראָמאַן. דער ראָמאַן גיט אָן שלום־עליכמס אידעאָלאָגיע פון דער יידישער פרוי. דער יונגער אָפּאַטאָשו, וואָס האָט

שוועסטער און ברידער, וועלכע וווינען אין קראַסנאָדאַרסק — אוד. ס.ס.ר.

נישט ווילנדיק, האָבן די יידן אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, וועלכע קאָן זיך אויסווירקן פּאָזיטיוו אויך אויף אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, הגם, ווי תמיד צאָלן די יידן אַ שווערן פּרייז דערפאַר.

איבערזעצט און באַאַרבעט מ. א.

זינט 1959 זענען שוין 65 טויזנט דייטשן צוריקגעקומען קיין דייטשלאַנד. צום אונטערשייד פון די ייִדן, זענען די דייטשן דערמיט נישט באַגייסטערט. א סך פון די אויסוואַנדערער דערקלערן פאַר דער דייטשער פּרעסע, אַז: „וואָלטן די דייטשן געהאַט דאָס געפיל, אַז פאַר זיי עקזיסטירט אַ נאַציאָנאַלע טעריטאָריע, ווו ער קען זיך פילן ווי אינדערהיים, וואָלט ער אַהין אויסגעוואַנדערט פון די געגנטן, ווו ער פילט, אַז ער ווערט דיסקרימינירט צוליב זיין נאַציאָנאַליטעט“.

טראָץ דעם, וואָס די סאָוויעט־דייטשן האָבן נישט געדאַרפט אָנטיילנעמען אין דער מלחמה קעגן די דייטשן, האָבן דאָך 4 דייטשן באַוויזן אין די קאַמפן צו באַקומען דעם טיטל: „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד“.

נאָכן קריג (דעם 26 נאָוועמבער 1948) באַשטעטיקט דער אויבערשטער סאָוויעט די פאַרשיקונג אויף אייביק. דער אָנגענומענער געזעץ זעט אויך פאָר, אַז אויב עמעצער וועט פאַרלאָזן זיין וווינאָרט, אָדער וועט אַפילו באַזוכן אַ שכנותדיק דאָרף — דראָט אים אַן אורטייל פון 25 יאָר אַרבעטס־לאַגער.

נאָכן באַזוך פון דייטשן קאַנצלער אַדענאַוער אין מאָסקווע, אין יאָר 1955, ווערן די א. ג. צוואַנגס־איבערוואַנדערער (ספּעצ. פּערעסילענצעס) אַמנעסטירט און די פאַראָרדנונג פון אויבערשטן סאָוויעט ווערט אַנולירט. עס ווערט אָבער איינגעהאַלטן, דער פאַרבאָט פון צוריקקערן זיך אין די אַמאָליקע געביטן, און דער באַשלוס פון קאָנפיסקירטן פאַרמעגן.

צום סוף פון דעם כרושטשאָוו פּעריאָד, ווען סאָוויעט־רוסלאַנד האָט געזוכט צו דערנענטערן זיך צו מערב־דייטשלאַנד, ווערן די סאָוויעטישע דייטשן פּאָליטיש רעהאַביליטירט פון דעם פאָרוואורף, אַז זיי זענען געווען „אַרויסהעלפער פון פאַשיזם“. לויט כרושטשאָווס אויסטייטשונג איז עס געווען אַן „אַקט פון ווילקיר אונטער די אומשטענדן פון סטאַלין־קולט“. אָבער צוריקקערן זיך אין די אַלטע היימען קענען זיי זיך סיי ווי נישט, ווייל, ווי דער אוקאַז קלערט אויף „אין די נייע וווין־געביטן האָבן זיי געשלאָגן וואָרצלען“.

די סאָוויעטישע דייטשן האָבן געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין מאָסקווע, און מיקאָיאַן האָט זיי אויפגענומען. לויט אים איז אויסגעקומען אַז „די בעסטע לייזונג וואָלט געווען ווידער אויפצושטעלן די וואָלגע־רעפּובליק. אָבער אין די איצטיקע באַדינגונגען איז עס פאַרבונדן מיט קאָלאָסאַלע פינאַנסיעלע אויסגאַבן. צווייטנס: וואָס וועט ווערן פון אונדזערע ניי־אַנטוויקלטע געביטן, ווען די דייטשן וועלן זיי פאַרלאָזן?“

זיך פאַרקוקט אויף דער ייִדישער עקזאָדוס־באַוועגונג, האָבן די סאָוויעטישע דייטשן אָנגעהויבן צו קעמפן פאַר זייער רעכט. ווייל זייער שטרעבונג צו דערגרייכן גלייכבאַרעכטיקונג מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין רוסלאַנד זעט נישט אויס צו זיין דערפאָלגרייך, פאַרלאַנגען זיי דאָס רעכט אויסצוואַנדערן קיין מערב־דייטשלאַנד.

זיי האָבן צונויפגעזאַמלט צענדליקער טויזנטער אונטערשריפטן, און די פּעטיציע איבערגעגעבן דער יו־ען, און אַמעריקע. באַנס באַציאונג צו דער דאָזיקער פראַגע איז זייער אַ לעבלעכע. די דייטשן האָבן דורכגעבראָכן דעם פּאָליציי־קאָרדאָן פאַר דער דייטשער אַמבאַסאַדע, אין מאָסקווע; זיי דעמאָנסטרירן אויפן רויטן פּלאַץ און פאַר דער געביידע פון צענטראַלן קאָמיטעט.

26 סאָוויעטישע דייטשן, וועלכע האָבן אַריינגעגעבן ביטעס וועגן אַרויספאָר־וויזעס אין פּאַרטיי־ביוראָ פון פרונזע (קירגיזיע) זענען אַרעסטירט געוואָרן. צוויי פון זיי האָבן באַקומען צו 2 וואָכן אַרעסט, פאַר „טומלדיקער אויפפירונג“ און צוויי זענען באַשטראָפט געוואָרן מיט 2 יאָר לאַגער יעדער. (דער שאָפער ניקאָליי רעפּ, 39 יאָר אַלט און דער קאָלכאָזניק יאַקוב נעאון, 44 יאָר אַלט).

דער סאָוויעטיש־דייטשער „סאַמיזדאַט“ רוקט אַרויס די פאָדערונג פון „קולטורעלער אויטאָנאָמיע“, ווייל היינט געפינט זיך נישט אין רוסלאַנד קיין איינציקע דייטשע שולע, בשעת אין דער וואָלגע־רעפּובליק זענען געווען 400 דייטשע שולן און 5 הויכשולן.

די סאָוויעטישע אַמבאַסאַדע אין באָן גיט אַרויס אַ צייטונג: „סאָוויעט אוניאָן הויטע“. אין דער צייטונג איז צום ערשטן מאָל געדרוקט אַן אינטערוויו מיט אַ דייטשער דעפּוטאַטין פון אויבערשטן סאָוויעט — די מעלקערין לידאַ קרעטז. זי שטאַמט פון אַ ריין דייטשן דאָרף קאָנסטאַנטינאָווקאַ (פריער, טימערטאַל) אין אַלטיי.

ווי די צייטונג אינפאָרמירט, האָט זי דערקלערט: צוריקקערן זיך אין דער וואָלגע־רעפּובליק איז קוים מעגלעך. זי האַלט אָבער פאַר מעגלעך אַן „אויטאָנאָמע סאָציאַליסטישע רעפּובליק פון קאַזאַכסטאַנער דייטשן“ אָדער אַן ענלעכע רעפּובליק פון די „סיבירער דייטשן“.

אַ נאַציאָנאַלער צענטער אין אַזיע (ענלעך ווי די בירָאָבידזשאַנער רעפּובליק, איב.) וועט זיין נישט אַנדערש, ווי אַ בופער קעגן די כינעזער און מוזלמענער.

אַן אָריגינעלע לייזונג פון פּראָבלעם לייגט פאָר דער סאָוויעטיש־דייטשער „סאַמאיזדאַט“: ווייל קיין צוריק צו דער וואָלגע־רעפּובליק איז נישט מעגלעך, ווייל דאָרטן וווינען אַנדערע — שלאָגט דער „סאַמאיזדאַט“ פאָר איבערצופירן די דייטשן אין געביט פון קאַלינינגראַד, וואָס איז דער אַנעקסירטער טייל פון מזרח־פּרייסן. שפּעטער — מיינט דער „סאַמאיזדאַט“ — קענען זיך די סאָוויעטישע דייטשן אָנשליסן אין איינער פון די עקזיסטירנדיקע דייטשע לענדער.

דער זשורנאַל ברענגט אויך בילדער, וועלכע זענען פאַר אונדז ייִדן גוט באַקאַנט. דאָס זענען פּלאַקאַטן אין פראָנט פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין באָן, וועלכע פאַרלאַנגען: ברעזשניעוו — לאָז אַרויס אונדזער מוטער מיט די קינדער פון או. ס. ס. ר. זיי וואַרטן שוין זינט 1957 אויף דער אויסוואַנדערונג דערלויבעניש. אַ צווייטער פּלאַקאַט, געטראָגן פון א ייִנגל, פון אַרום 12 יאָר פּראָקלאַמירט: 3 טעגיקער הונגער שטרייק פאַר אונדזערע

דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ פּאַקט. אין אַרכיוו געפֿינען זיך אַ גרויסע צאָל בריוו פֿון רוט פֿישער זי איז איינע פֿון די, וועלכע העלפֿן טראָצקין צו אָרגאַניזירן דעם פֿערטן אינטערנאַציאָנאַל. אין אַרכיוו געפֿינען זיך אויך בריוו פֿון אַרבעטער טוער, אָבער זייער צאָל איז אַ קליינע. טראָצקי באַקלאָגט זיך אין איינינקע בריוו צו זיינע חברים, אַז די אַרבעטער ווייזן אַרויס וויניק אינטערעס פֿאַר שאַפֿן אַ פֿערטן אינטערנאַציאָנאַל. ער באַקלאָגט זיך אויך, אַז די אינטעליגענץ קומט אויף אַ געוויסער צייט צום טראָצקיזם און גייען אַוועק — ספּעציעל אין דייטשלאַנד — צום נאַציאָנאַל סאָציאַליזם. די קאָרעספּאָנדענץ מיט זיינע אָנהענגער אין פֿאַרשידענע לענדער פֿירט ער אין פֿיר שפּראַכן: דייטש, ענגליש, פֿראַנצויזיש און רוסיש.

טראָצקי קאָרעספּאָנדירט מיט 36 לענדער, אין וועלכע עס געפֿינען זיך זיינע אָנהענגער. צו זיי געהערן: די פֿרוי פֿון לענינען — קרופּסקאַיאַ, דער סטאַליניסט מאָלאָטאָוו; דער רייכסטאָג פּרעזידענט, דער סאָציאַל־דעמאָקראַט לעבע; דער שפּעטערדיקער פּאָרזיצער פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער — טריגווי לי; הענרי ספּאַק, דער סאָציאַליסטישער פֿירער פֿון בעלגיע. ער שרייבט זיך איבער מיט שרייבער ווי בערנאַרד שאָו; פֿויכטוואַנגער; אייפּטאָן־סינקלער קלאַוס מאַן און פֿיל אַנדערע.

ווען דער טראָצקי אַרכיוו איז געעפֿנט געוואָרן דעם 2־טן יאַנואַר 1980, זענען געקומען אין אוניווערסיטעט טויזנטער מענטשן: געלערנטע, געשיכטע פֿאָרשער, פּאָליטישע טוער, סטודענטן.

פּראָפֿעסיאָנעלע טראָצקי פֿאָרשער האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט אין דער ערשטער ריי מיט די פּערזאָנען, וועלכע האָבן געשפּילט א גרויסע ראָל אין סאָוויעט רוסלאַנד, אין דער פּאַרטיי און רעגירונג, מיט וועלכע טראָצקי האָט אָנגעהאַלטן א שריפֿטלעכע פֿאַרבינדונג. די אויבן דערמאָנטע פֿאָרשער אינטערעסירן זיך אויך מיט דער געשיכטע פֿון דער אַנטשטייאונג פֿון פֿערטן אינטערנאַציאָנאַל. די גרינדונג פֿון פֿערטן אינטערנאַציאָנאַל איז פֿאָרגעקומען דעם 3־טן סעפּטעמבער 1938 אין פּאַריז.

די טראָצקי פֿאָרשער האָבן אויסגעפֿונען, אַז צווישן די 21 דעלעגאַטן זענען געווען פֿיר אַגענטן פֿון סטאַלינס געהיים דינסט. נאָכן צוזאַמענפֿאָר שרייבט טראָצקי, אַז אין צען יאָר אַרום וועלן מיליאָנען געהערן צום פֿערטן אינטערנאַציאָנאַל, דאַן וועט דער טראָצקיזם איבערנעמען די מאַכט אין פֿיל לענדער. געשען איז דאָס פֿאַרקערטע: סטאַלין און היטלער האָבן אויסגעמאָרדעט די טראָצקיסטן אין אייראָפּע און פֿון טראָצקיס טרוים איז גאָרנישט געוואָרן. אין דער קאָרעספּאָנדענץ געפֿינען מיר איינצלהייטן וועגן דעם זעלבסטמאָרד פֿון זיין טאָכטער, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איר מאַן און קינדער זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין רוסלאַנד.

דער אַרכיוו, וועלכער איז געוואָרן צוטריטלעך פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט ברענגט אַרויס נייע פֿאַקטן פֿון לעבן און טרוים פֿון אַ ייִדישן רעוואָלוציאָנער, וועגן אַ וועלט רעוואָלוציע וואָס האָט געדאַרפֿט גליקלעך מאַכן דעם אַרבעטער־קלאַס.

טראָצקי און זיינע אָנהענגער זענען אומגעבראַכט געוואָרן פֿאַר דער טעאָריע, וואָס האָט געפּרידיקט פּערמאַנענטע רעוואָלוציע. אין אונדזער צייט ווערט מיט דער גאַנצער קאָנסעקווענדקייט אַדורכגעפֿירט די זעלבע טעאָריע, דורך די הערשער פֿון הייַנטיקן סאָוויעט־רוסלאַנד.

---

# זיי האָבן זיך פֿאַרקוקט אויף די ייִדן... *)

ווען מיר לייענען אין דער ייִדישער און אַלגעמיינער פּרעסע, וועגן די אויסוואַנדערער פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד, איז עס זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס מיינט מען ייִדן. זייער וויניק ווערט באַריכטעט און קאָמענטירט וועגן אַ צווייטער נאַציאָנאַלער מינדערהייט: די וואָלגע־דייטשן.

די וואָלגע־דייטשן האָבן געשאַפֿן די ערשטע אויטאָנאָמישע מינדערהייטס רעפּובליק אין דער יונגער סאָוויעטישער מלוכה. אין 200 דערפֿער, אויף דעם מיטלען טייל פֿון דער וואָלגע, האָבן געלעבט א האַלבער מיליאָן פּויערים פֿון דייטשער אָפּשטאַמונג. אין יאָר 1918 האָבן זיי זיך פּראָקלאַמירט ווי אַן „אויטאָנאָמיע אַרבעטער קאָמונע". דער ערשטער פֿאָלקס־קאָמיסאַר איז געווען דער קריגס־געפֿאַנגענער ערנסט רויטער, וועלכער איז שפּעטער געווען בירגערמייסטער פֿון בערלין.

לענין האָט פֿולשטענדיק געשטיצט דעם דאָזיקן שריט. די קאָמונע האָט אין יאָר 1924 באַקומען דעם אָפֿיציעלן נאָמען: „אויטאָנאָמע סאָוויעטישע רעפּובליק פֿון די וואָלגע דייטשן", מיט דער הויפּטשטאָט, ענגעלס.

דעם 28־טן אויגוסט 1941 האָט סטאַלין פֿאַרווירקלעכט דאָס, וואָס דער צאַר האָט פּלאַנירט אין יאָר 1916. די וואָלגע־דייטשן ווערן דעפּאָרטירט קיין סיביר — איינשליסלעך די מיטגלידער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. הייַנט צו טאָג לעבן אין די געביטן פֿון קאַראַגאַנדאַ, באַרנאַול, סומסק, קיסטאַנאָוו אַרום 2 מיליאָן דייטשן. האַרט ביי דער כינעזישער גרענעץ לעבן 100 טויזנט דייטשן, אין 5 ראַיאָנען. דאָך האָבן זיי נישט מער קיין שולן אין דער דייטשער שפּראַך און אויך נישט קיין זעלבסטפֿאַרוואַלטונג.

די דייטשן, וועלכע האָבן געלעבט אַרום דער וואָלגע אין משך פֿון 177 יאָר, וואָלטן גערן צוריקגעפֿאָרן אין זייערע אַלטע וווינערטער. עס עקזיסטירט פֿאַר זיי אָבער אַן אַנדער מעגלעכקייט — אויסצוואַנדערן קיין מערב־דייטשלאַנד. זיי טרעפֿן זיך אויך אָן אויף שוועריקייטן.

*) דער אָריגינעלער נאָמען פֿון אַרטיקל איז: אין מאָסקווע ווערט פּאַרזיכטיק דיסקוטירט דער ענין, וואָס איז ביז איצט געווען טאַבו. „די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פֿון די סאָוויעטישע דייטשן". מיר ברענגען דעם אַרטיקל מיט קליינע קירצונגען, פֿון אַ דייטשן זשורנאַל.

וו. יאַבלאָנסקי

# דער אַרכיוו פון לעוו טראָצקי

פערציק יאָר נאָכן גרויזאַמען מאָרד פון לייבל בראָנשטיין־טראָצקי, וועלכן ס׳האָט אויסגעפירט דער סטאַלין אַגענט ראַמאָן מערקאַדאַר — האָט דער האַר־וואַרד אוניווערסיטעט אין אַמעריקע געעפנט דעם טראָצקי אַרכיוו, וועלכער פאַרמאָגט 17.500 בריוו, מאַנוסקריפטן, זעלטענע מאַטעריאַלן און אומבאַקאַנטע דאָקומענטן. טראָצקי האָט זייער פיל געשריבן. ער האָט אויך אָנגע־האַלטן אַ בריוולעכן קאָנטאַקט מיט פיל פּאָליטישע און ליטעראַרישע פּערזענלעכקייטן.

ווען לייבל בראָנשטיין איז אַלט געוואָרן 5 יאָר, האָט ער שוין געקאָנט לייענען און שרייבן רוסיש. זיין פעטער דוד איז געווען אַ פאַרמעגלעכער ערד־באַזיצער, וועלכער האָט לידער שוואַך געשריבן און געלייענט. דער קליינער לייבעלע איז געוואָרן דער סעקרעטאַר ביי זיין פעטער, פאַר וועמען ער האָט געשריבן בריוו און אויסגעשטעלט רעכענונגען. טראָצקי האָט געשריבן נישט נאָר וועגן פּאָ־ליטיק. ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויס ווערק פון עטלעכע בענדער וועגן קונסט. אין דער צייט פון 1938, ביז זיין טויט אין 1940, האָט טראָצקי קאָרעספּאָנדירט מיט איבער 3000 מענטשן.

אין יאָר 1929 האָט סטאַלין פאַרטריבן טראָצקין קיין טערקיי צוזאַמען מיט עטלעכע מיטגלידער פון זיין משפּחה. די פאַמיליע מיטגלידער וועלכע זענען פאַרבליבן אין סאָוויעט רוסלאַנד זענען שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן. דער וועג פון אַלמאַ־אַטאַ ביז צו דער טערקישער גרענעץ, האָט די טראָצקי פאַמיליע אַדורכגעמאַכט אין צוויי וואָכן, אין שווערע ווינטערדיקע באַדינגונגען.

די נ.ק.וו.ד., וועלכע האָט טראָצקי באַגלייט, האָט נישט קאָנפיסקירט זיינע מאַטעריאַלן און א טייל פון זיין ביבליאָטעק, וועלכע טראָצקי האָט מיטגענומען מיט זיך קיין טערקיי.

פיר חדשים פאַר טראָצקיס טויט, האָט ער פאַרקויפט זיין גאַנצן אַרכיוו דעם האַרוואַרד אוניווערסיטעט פאַר 10 טויזנט דאָלאַר, מיט אַ באַדינג, אַז די מאַטעריאַלן זאָלן פריער נישט פאַרעפנטלעכט ווערן ווי אין פערציק יאָר אַרום. נאָך טראָצקיס טויט זוכן סטאַלינס אַגענטן אַרום דעם טראָצקי אַרכיוו און קאָנען אים נישט געפינען. דער אַרכיוו פאַרמאָגט אַ ריזיקן מאַטעריאַל פון געהיימע פּראָטאָקאָלן פון סאָוויעטישן פּאָליט־ביוראָ; געהיימע באַריכטן פון פאַרשידענע אויסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען; פּאָליטישע פּאַמפלעטן און בריוו פון פאַרשי־דענע פּערזענלעכקייטן.

מיט סעגרעגירן דעם אַרכיוו האָט זיך פאַרנומען זיינס אַ געוועזענער סעקרעטאַר, היינט אַ פּראָפעסאָר פאַר לאָגיק — דער 67־יאָריקער וואַן־הײַענאָרט. די סעג־רעגאַציע פון מאַטעריאַלן האָט געדויערט צענדליקער יאָרן און איז אויסגעפירט געוואָרן אין גרויס געהיימעניש אין די קעלערן פון אוניווערסיטעט.

מערסטן טייל פון די בריוו געשריבן צו טראָצקין, זענען פון טראָצקיסטן, קעגנער פון סטאַלינען און אָנהענ־גער פון טראָצקיס טעאָריע „פאַרמאַנענטע רעוואָלוציע". איינע פון זיינע נאָענסטע מיטאַרבעטער איז געווען די פרוי מאַרגאַרעט בובער־נוימאַן, וועלכע לעבט נאָך ביי היינט צו טאָג אין פראַנקפורט און איז אַ שטענדיקע מיטאַרבעטערין אין דער קריסטלעך דעמאָקראַטישער פּרעסע אין דייטשלאַנד. איר מאַן — האַנס נוימאַן איז געווען אַ פּאָליט־ביוראָ מיטגליד פון דער ק.פ.ד. ער איז ליקווידירט געוואָרן דורך סטאַלינען, נאָכן אונטערשרייבן

---

ע״ה, אַז צוליב מיין נישט פולקאָמען געזונט צושטאַנד, וועל איך זיך נישט קענען באַטייליקן אין דער צווייטער טייל פון דער קאָנפערענץ זונטיק דעם 11־טן מאַי 1980. איך האָב דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז איך בין גרייט מיטבאַטייליקן זיך אין יעטוועדע קאָמיסיע, וואָס וועט דורך א צוזאַמענאַרבעט פון יידישע קולטור טוער אין מעלבורן שטאַרקן און פאַרפעסטיקן דאָס יידישע לשון און אויך די יידישע קולטור אין בײדע שפּראַכן. איך האָב אויך געבעטן דעם פאָרזיצער, אַז ער זאָל מיט זיין איינ־פלוס זיך באַמיען, אַז די רעזאָלוציעס זאָלן אַזוי צוזאַמענגעשטעלט ווערן, מען זאָל נישט אויסמיידן די אַלטע און איינגעפונדעוועטע יידישע נאַציאָנאַלע קולטור־אָרגאַניזאַציע „קדימה". פר׳ ד״ר פערשטענדיק, האָט מיט אַ קלאַפּ אויף די פּלייצע געזאָגט דעם פאָרזיצער, אַז אויך ער איז מסכים מיט מיינע ווערטער.

און צום שלוס: הגם מיין פריינד א. סאָקאָלאָוויטש האָט אין זיין „בריוו אין רעדאַקציע" אויך מקים געווען „ועונה בכוש" — אין אַ געזעלשאַפטלעכער פאָרם — וויל איך צוגעבן דאָס פאָלגנדיקע:

אַז מיט אַן אויפריכטיקן ווילן קען מען נאָך עפּעס טאָן צו הייבן די חשיבות פון יידישן וואָרט און פון דער יידישער קולטור. און איך שטרייך אונטער נאָכאַמאָל, אַז ביים איצטיקן פאַרנעפּלדיקן צושטאַנד פון יידיש און יידישער קולטור איז נישט נויטיק און נישט וויכטיק קיין געפליגלטע ווערטער — נאָר גרונטיקע מעשים, וואָס זאָלן שאַפן פּאָזיטיווע ווערטן.

די פעסטשטעלונג פון אַ יידישן קולטור טוער ווי פר׳ סאָקאָלאָוויטש, „אַז אָן דער „קדימה" חס ושלום, וואָלט אין מעלבורן נישט נאָר געווען שאָטן נאָר ממש פינצטער" איז פאַר יעטוועדן „קדימה" קולטור־טוער זייער וויכטיק. מיטן שרייבן און רעדן קאָן קומען דאָס דערדרעדן זיך און זיך פאַרשטיין קעגנזייטיק. דאָס איז נויטיק סיי פאַר דעם געשאַפענעם „לאַנדראַט פאַר יידיש און יידישע קולטור" און אויך פאַר דער 70 יאָריקער „קדימה", וואָס קען ברענגען ברייטערע פאַרמעסטן פאַר יידיש און יידישער קולטור.

הורוויץ (איצטיקער פינאַנס מיניסטער פון ישראל) שרייבט פר׳ ש. באַכראַך: „אויף אַ זיצונג פון רעגירונגס־קאַבינעט, האָט זיך דער ראש הממשלה (פּרעמיער מיניסטער) אויסהערנדיק וועגן די באַגעגענישן פון פינאַנס מיניסטער מיט פאַרשידענע פּראָפעסאָרן און עקאָנאָמיסטן — זיך אָפּגערופן — ציטירנדיק אַ זאַץ פון היינריך היינע אויף דייטש — „הונדערט פּראָפעסאָרן — האַ פאָטערלאַנד בינסט פאַרלאָרן״...

ווייל איך ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם זשורנאַליסט פר׳ ש. באַכראַך, אַז אויף וויפל איך געדענק, האָט דאָס נישט געזאָגט דער דיכטער היינריך היינע, נאָר דאָס האָט געזאָגט אַ זשורנאַליסט פון אַן איינפלוסרייכער צייטונג אין ווין בשעת אין די 90־ער יאָרן איז געשאַפן געוואָרן — אין דער דעמאָלטדיקער עסטרייכיש־אונגאַרישע מאָנאַרכיע אַ רעגירונג פון עקאָנאָמיסטן און פּראָפעסאָרן — היינריך היינע איז שוין אין יענע צייטן געווען קרוב 36 יאָר אָדער 38 יאָר — טויט.

## „שאַל בהודי ו־עונה בכוש״

אויף ריין מאַמע לשון איז דאָס דאָזיקע העברעאיש ווערטל איבערגעאַנדערשט געוואָרן מיט דעם זאָג „געפרעגט וועגן הוידעם און געענטפערט מיט בוידעם״ איך האָב געבראַכט די דאָזיקע ווערטלעך אין צוזאַמענהאַנג מיט די „בריוו אין רעדאַקציע״־שרייבער, אין „יידישע נייעס״ פון דעם 4־טן און 11־טן יולי ד. י. וועגן דעם אַרטיקל א. נ. „ליכט און שאָטן״ אַרום דער פאָרגעקומענער קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישע קולטור אין מעלבורן — אָרגאַניזירט דורך דעם לאַנדראַט פאַר יידיש און יידישע קולטור — און אָפּגעהאַלטן געוואָרן שבת דעם 10־טן מאַי און זונטיק דעם 11־טן מאַי 1980.

סיי אין דער באַגריסונג רעדע אין נאָמען פון „קדימה״ צו דער דאָזיקער קאָנפערענץ און סיי אין דעם אַרטיקל „ליכט און שאָטן״ געווידמעט די רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ, איז די הויפּט שאלה און אויך אין די באַגלייטנדיקע קליינע קשיהלעך, געווען דער הויפּט־מאָטיוו; פאַרוואָס איז דיסקרימינירט געוואָרן די עלטסטע און אַקטיווסטע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע „קדימה״??? און איך האָב געמאַכט דעם אויספיר, אַז אויב דאָס צוגרייטן די קאָנפערענץ און אויך די דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ איז געווען א ליכט שטראַל מיט קליינע שאָטנדלעך, איז דער אָפּשלוס מיט אירע גאָרנישט זאָגנדע רעזאָלוציעס שוין געווען אַ גאָר גרויסער שאָטן.

דאָ קומען די אויפקלערונגען פון די „בריוו אין רעדאַקציע״־שרייבער...

— דער ערשטער „בריוו״ איז פון וו. יאַבלאָנסקי — קאָמיטעט־מיטגליד פון „קדימה״ און אויך אַן אָרגאַניזאַטאָר פון דער קאָנפערענץ — וועלכער קומט — נישט מער און נישט ווייניקער — צו דעם אויספיר, אַז אַז פאַר דיסקרימינירן דער „קדימה״ טראָגן נישט די שולד די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ און אויך נישט די רעזאָלוציע קאָמיסיע נאָר די הויפּט־שולד טראָגט דער שרייבער פון די שורות, באשר בכן: וואָס י. אָרבאַך איז אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין דער באַגריסער צו דער קאָנפערענץ אין נאָמען פון „קדימה״ און נאָך דערצו, האָט י. אָרבאַך זיך באַנוצט מיט אַ שפּראַך וועלכער פּאַסט זיך נישט אַריין אין אַ קולטור קאָנפערענץ... ווילט איר דאָך אוודאי וויסן וואָס אַזוינס האָט דער באַגריסער אין נאָמען פון „קדימה״ אַזוינס געזאָגט „וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אין אַ קולטור־קאָנפערענץ״ וועל איך ציטירן די באַגריסונג ווערטער, וועלכע י. אָרבאַך האָט געזאָגט בשעת דער דערעפענונג און זענען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דעם באַריכט אָפּגעבער פון דער קאָנפערענץ.

„די יידישע נאַציאָנאַלע קולטור אָרגאַניזאַציע „קדימה״ וואָס באַשיינט אונדזער היגן יידישן ישוב סיי כלפי פנים און סיי כלפי חוץ — באַגריסט אייך אין אייער שוועונג פון אָרגאַניזירן אַ יידישע קולטור־קאָנפערענץ מיטן בליק פון יידיש און יידישער קולטור פאַר אַ שעפערישן מאָרגן. די „קדימה״ וועלכע וועט פייערן איר 70־יאָריקן יובל אין יאָר 1981 וועט אַלץ טאָן, אַז דער שעפערישער מאָרגן פון יידיש און יידישע קולטור זאָל נישט זיין אַ פאָר אנטליענע שיינע רעדעס, נאָר, עס זאָל צונויפגעפאָרט ווערן דאָס געזאָגטע מיט דעם הארץ ציטער פון דעם זאָגער״.

דעם צווייטן בריוו־שרייבער וויל איך אויפקלערן:

1) למען האמת שטעל איך פעסט, אַז עס איז נישט ריכטיק, אַז די „קדימה״־קאָמיטעט מיטגלידער, אָדער די רעדאַקציע מיטגלידער פון די „מעלבורנער בלעטער״ האָבן געהאַלטן פאַר נישט פּאַסיק צו פאַרעפנטלעכן דעם אַרטיקל פון „ליכט און שאָטן״ אין דער „קדימה״ אויסגאַבע „מעלבורנער בלעטער״. פאַרקערט, דער אַרטיקל „ליכט און שאָטן״ האָט געדאַרפט אַריינגיין אין דעם 23־טן נומער פון די „מעלבורנער בלעטער״ (יוני־יולי אויסגאַבע) אָן שום קירצונגען און אָן שום באַמערקונגען מצד דער רעדאַקציע פון די „מעלבורנער בלעטער״.

אויף דער ווענדונג פון דעם פאָרזיצער פון דער רעדאַקציע־קאָמיסיע פון די „מעלבורנער בלעטער״ פר׳ מ. איזענבוד מיט דער הסכמה פון רעדאַקטאָר פון די „יידישע נייעס״ פר׳ י. שער, אַז איך זאָל דעם אַרטיקל „ליכט און שאָטן״ דרוקן אין די „יידישע נייעס״ בכדי עס זאָל קענען געעפנט ווערן אַ ברייטערע דיסקוסיע וואָס איז געווען פאַרשטענדלעך, ווייל די „יידישע נייעס״ האָט מער לייענער ווי די „מעלבורנער בלעטער״ — האָב איך מסכים געווען דאָס צו טאָן און צוגעגעבן דעם באַדינג, אַז קיין קירצונגען אָדער באַמערקונגען זאָלן נישט געמאַכט ווערן. דער אַרטיקל איז טאַקע געדרוקט געוואָרן אין די „יידישע נייעס״ און איז טאַקע אויך געקירצט געוואָרן אָן מיין וויסן...

2) איך האָב ביים שלוס פון דער פייערלעכער דערעפענונג שבת דעם 10־טן מאַי 1980 אין דער אָנוועזנהייט פון ד״ר פערשטענדיק און אין אָנוועזנהייט פון מיין פרוי געמאָלדן דעם פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ י. לעוויטין

י. אָרבאַך

# מיניאַטורן

## „פּאָליטיק און מאָראַל״ און פאַרקערט . . .

דער אומפאַרגעסלעכער עטישער סאָציאַליסט, געזעלשאַפטלעכער טוער, פירער פון דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג — ד״ר י. נ. שטיינבערג, האָט אין זיין עסיי א. נ. „פּאָליטיק און מאָראַל״ געמאַכט — צווישן אַנדערע — דעם פאָלגנדיקן קאָמענטאַר אַז „דער ריס צווישן פּאָליטיק און מאָראַל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ברענגט און וועט ברענגען שאָדן סיי פאַר דער פּאַרטיי און סיי פאַר אירע אָנהענגער גופא״.

איך האָב דעם דאָזיקן געדאַנק פון ד״ר י. נ. שטיינבערג געבראַכט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם טומל אַרום דעם באַזוך — פון דעם פירער פון דער פעדעראַלער אָפּאָזיציע אין דעם אויסטראַלישן פּאַרלאַמענט און פירער פון דער אויסטראַלישער לייבאָר־פּאַרטיי בילל היידען — ביי דעם פירער פון דער פּ.ל.אָ. יאַסער אַראַפאַט.

מען האָט געדאַרפט האָבן אַן איבערנאַטירלעכן כוח בכדי צו קענען רואיק זיך צוהערן און פּרובירן פאַרשטיין די דערקלערונג פון בילל היידענען — געדרוקט אין די „יידישע ניייעס״ פון פרייטאָג דעם 4־טן יולי ד״י ווי אויך די אַרטיקלען און קאָמענטאַרן — צו דעם דאָזיקן באַזוך — אין דער היגער ליבעראַל־קאָנסערוואַטיווער טאָג־צייטונג „איידזש״ מיט דעם „פריינד״ פון דער יידישער מדינה — דעם זשורנאַליסט און קאָרעספּאָנדענט פון מיטעלן מזרח מר. באַלדערסטאָן.

מען האָט אויך געדאַרפט זיין אַ פולשטענדיקער איגנאָראַנט צו פאַרלייקענען די באַשיינפערלעכע פאַקטן, וואָס זאָגן קליפּ און קלאָר, אַז סיי דער מעסיקער „סאָציאַליסט״ יאַסער אַראַפאַט און סיי דער עקסטרעמער „סאָציאַליסט״ כאַבאַש, ביידע פירער פון דער פּ.ל.אָ. האָבן אין זייערע „סאָציאַליסטישע״ פּראָגראַמען די זעלבע אידייע, וואָס עס האָבן געהאַט אַדאָלף היטלער מיט זיינע אָנהענגער אין זייער אידיי פון „נאַציאָנאַל סאָציאַליזם״. די נאַציס האָבן געדרשנט, אַז דורך רשעות, מאָרד און גרויזאַמקייטן וועט מען בויען אַ „1000 יאָריקן רייך״ פאַר דעם דייטשישן פאָלק און עפּעס ענלעכעס דרשנען די פירער פון פּ.ל.אָ.! אמת איז, אַז די פירער פון דער קאָמוניסטישער היעראַרכיע האָבן אין זייער צייט סאַנקציאָנירט דעם פּראָגראַם פון „נאַציאָנאַל סאָציאַליזם״ מיט דעם דיאַלעקטישן טעם, אַז „נאַציאָנאַל סאָציאַליזם״ איז אַ געשמאַק זאַך . . . איז דאָך אָבער שווער צו פאַרשטיין, אַז בילל היידען און זיינע „לינקע״ נאָכלויפער, זאָלן נאָכמאַלפּעווען דער קאָמוניסטישער דיאַלעקטיק פון 1938 ־ 1941 בנוגע דער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע — די פּ.ל.אָ. אין דעם יאָר 1980?! —.

„דער ריס צווישן פּאָליטיק און מאָראַל״ האָט אַמבולטסטן זיך אַרויסגעוויזן ווי אַזוי מען קען ברענגען שאָדן סיי דער פּאַרטיי און סיי אירע אָנהענגער גופא דורך דעם פעלערהאַפטן שריט פון פירער פון דער לייבאָר פּאַרטיי בילל היידען אין זיין עקשנות צו באַזוכן אַראַפאַטן. דער רעזולטאַט? „פוילע פיש געגעסן״ און פאַרלוירן די סימפּאַטיע פון אַסך יידישע וויילער וואָס סימפּאַטיזירן מיט דער אויסטראַלישער לייבאָר פּאַרטיי.

אויב מיר באַרירן דעם שאָדן, וואָס עס קען ברענגען אַ באַוועגונג „דער ריס צווישן פּאָליטיק און מאָראַל״ וויל איך אויך באַרירן אַ פאַרקערטע דערשיינונג ווי אַזוי דער ריס צווישן מאָראַל און פּאָליטיק, קען אויך ברענגען שאָדן יעטוועדע געזעלשאַפטלעך — קאָמונאַלע און רעגיאָנאַלע — יידישע אָרגאַניזאַציע. אַזאַ ריס צווישן מאָראַל און פּאָליטיק איז פאָרגעקומען אויף דער זיצונג פון מעלבורנער „באָאַרד אָף דעפּיוטיס״ מאָנטיק דעם 7־טן יולי 1980.

אויף דער דאָזיקער זיצונג האָבן די פירער פון דער היגער יידישער קהילה געמאַכט אַזאַ ריס, דורך וועלן אויפווייזן, אַז מאָראַלישע אונטערשטיצונג פאַר מדינת ישראל איז אויך אַ מאָראַלישע אונטערשטיצונג פאַר יעדן יידישן ישוב — אויסטראַליע בתוכם. ממילא איז מען געקומען צום אויספיר, אַז דער באַזוך פון פירער פון דער אויסטראַלישער לייבאָר פּאַרטיי ביים פירער פון דער פּ.ל.אָ. איז א פיינטלעכער זשעסט לגבי דער יידישער מדינה און אויך לגבי דעם היגן יידישן ציבור. פון דעם איז געדרונגען, אַז די ליבעראַלע פּאַרטיי מיט איר פירער זענען פריינד פון מדינת ישראל און במילא זענען זיי אויך פריינד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אויסטראַליע.

פרעגט זיך די פראַגע: ווייסן נישט די פאָרשטייער פון מעלבורנער „באָאַרד אָף דעפּיוטיס״, אַז אויך דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון דער איצטיקער ליבעראַלער רעגירונג מיט דער הסכמה פון דעם פּרעמיער מיניסטער מאַלקאָלם פרייזער האָבן זיך געטראָפן און טרעפן זיך מיט די פירער פון דער פּ.ל.אָ.? צו ווייסן נישט די זעלבע יידישע פאָרשטייער, אַז די לייבאָר פּאַרטיי האָט אַסך אָנגעזעענע פירער, וואָס זענען גאַנץ גוטע פריינד פון מדינת ישראל און פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אויסטראַליע, נישט ווייניקער ווי די פריינד פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי? און אויב ביידע האַנדלען נישט ריכטיק, טאָ פאַרוואָס אויסטיילן דעם פירער פון דער לייבאָר פּאַרטיי?

## דרוק פעלער און זשורנאַליסטן פעלער

אַ פאָלקס־ווערטל זאָגט: „א שרייבער שטאַרבט נישט פון קיין האַרץ־פעלער, נאָר פון אַ דרוק פעלער״ איז דאָס אויך נוגע זשורנאַליסטישע פעלערן?

מיט מיין גרעסטן רעספּעקט צו דעם פיינעם זשורנאַליסט שלמה באַכראַך, וואָס האָט אין זיין קאָרעספּאָנדענץ פון מדינת ישראל — געדרוקט פרייטיק, דעם 4־טן יולי 1980 — געמאַכט טאַקע א זשורנאַליסטישן פעלער, וועלכן מען דאַרף פאַרריכטן!

אונטערן קעפּל „היינריך היינעס „עצה״ צו יגאל

יהודה סבוראי

# דער פֿאַרשאָלטענער בוים

**באַמערקונג.** ליובליאַנאַ איז די הויפּשטאָט פֿון דער סלאָוועניִשער רעפּובליק וואָס איז אַ באַשטאַנדטייל פֿון דער פֿעדעראַלער יוגאָסלאַווישער מלוכה. נישט ווייט פֿון ליובליאַנאַ איז דאָ אַ קירכע מיטן נאָמען „סוועטי אָהר" (דער הייליקער אָהר).

אין דער צייט פֿון דער נאַצי־אָקופּאַציע האָט מען אין דער קירכע געפּייניקט סלאָווענישע פּאַרטיזאַנען, און שפּעטער זיי אויפֿגעהאָנגען אויף אַ בוים פֿאַר דער קירכע.

אָ, דו פֿאַרשאָלטענער בוים,
ווי וואַגסטו שטיין אַזוי אין גרינעם טרוים
פֿאַרפּוצט אין פֿאַרפֿירערישן גרינס —
דאָ, נעבן דעם סוועטי אָהר
ביי דער קירכע פֿון בלוטיקן מאָרד.

דו וואָלסט געדאַרפֿט זיין רויט ווי בלוט
פֿון סאַמע שפּיץ ביז וואָרצלען טיף
פֿון די אומשולדיקע קרבנות,
וואָס דו האָסט זיי אַמאָל געהאַלטן
אין דיינע גרינע אָרעמס . . .
און דו האָסט דערצו דערלאָזן . . .

אָ, דו פֿאַרשאָלטענער קלויסטער,
ווי שטייסטו דאָ נאָך היינט מיט דיין שפּיץ פֿאַרריסן הויך . . .
דו וואָלסט דאָך שוין פֿון לאַנג געדאַרפֿט אַוועק
ווי אַש און רויך,
און יעדער שטיין און ציגל פֿון דיין איבערבלייב
וואָלט איינגעזונקען אין דער ערד, ימח שמו :
ווייל דו האָסט דאָך דאָס אַלץ געזען,
און דיינע ווענט האָבן דעם געוויין געהערט
און פֿאַרשטעלט דעם גרעסטן גרויל —
און דו האָסט דאָס דערלאָזן.

און דו, פֿאַרשאָלטענע קאַמער
מיט די קליינע, פֿאַרקראַטעטע, העסלעכע אויגן :
אַ פֿרילינג-ווינטל בלאָזט געמיטלעך איצט דורך זיי
און ברענגט דעם קלאַנג פֿון פֿויגל-געזאַנג, פֿון לעבנס-פֿרייד,
איצט האָט מען דיינע ווענט אויסגעקאַלכט
צו פֿאַרשטעלן די בלוט-פֿלעקן און מענטשן-מאַרך
און דעם קרבנס לעצטע טרערן.
די חרפּה וועט אייביק דיר געהערן :

עס איז דאָ שטיל. בלוטיק-שטיל דאָ,
אין דאָברוניע, דעם אָרט פֿון גרויל,
וואָס איז היינט אַ גאָרטן,

איך זע דיך אין מיין דמיון, אָ, מילקאַ קאָסין :
איך קלאָג נאָך דיר, פּראָפֿעסאָר שטורם.
איך וועל אייך נישט פֿאַרגעסן —
איצט זייט איר בילדער, וואָס הענגען אין דעם טורעם.

דאָ זייט איר געווען נאָך לעבעדיק,
מיט הייסער קללה און הייסער טרער.
אַ תּפֿילה פֿאַר אַ בעסערן מאָרגן
איז געווען אייער באַגער.

לאָמיך הייבן מיין כּוס
מיט בלוטיק-רויטן רעפּאַשקי-וויין.
לאָמיך טרינקען צו אייך, מיינע מיטברידער פֿון פּיין.
איך בין אַ ייד, איר זייט סלאָווענער — אַן אַנדערע עדה,
נאָר געמאָרדעט האָט מען ביידע . . .
געבליבן איז בלויז טרויער און — בטחון . . .

פֿון ענגליש: **פּ. רינגעלבלום**

יאָר מיזנטער קינדער ביי נישט פאַרהייראַטע מוטערס, און זיי ווערן מער נישט פאַראורטיילט דורך דער געזעלשאַפט ווי אַמאָל.

אין געענדערטן סאָציאָ-פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג צום גונסטן פון מוטער און קינד, אין ברייטערן זין צום גונסטן פון דאָס רעכט פון לעבן, וואָלט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די געפאַר פון א רציחה איבער אַן אומשולדיק הילפסלאָז נפש'ל איז באַזייטיקט. עס איז נישט אַזוי. אין דעם געוויסן פון דער געזעלשאַפט גייט אָן אַ ויתרוצצו. ס'האָבן זיך געשאַפן צוויי צדדים. איין צד קעמפט פאַר די רעכט צו לעבן, דער צווייטער צד קעמפט פאַר דאָס רעכט פון דער מוטער איבערצורייסן די שוואַנגערשאַפט. אין תוך גענומען איז עס אַ קאַמף פאַרן רעכט צו לעבן, און פאַרן רעכט צו באַגיין אַ רציחה. חוץ די פאַראינטערעסירטע צדדים — מוטער און דאָס נאָך נישט געבוירן קינד, נעמען אין דעם מאַקאַברישן דיספּוט „לעבן - טויט" אָנטייל רעליגיעזע מנהיגים, יוריסטן און . . . פילאָזאָפן.

חוץ די פריער דערמאָנטע פאַלן פון רציחה צוליב רויב, מאַסן-מאָרד איבער דער ציווילער באַפעלקערונג מצד אַזעלכע מושלים-פּסיכאָפּאַטן ווי אַמין און פאָל פאָט, וועלן מיר פרוון צו באַהאַנדלען אַ שפּאָגל-נייע טעאָריע, וועלכע קען מיט דער צייט ווערן א סאָציאַל-מאָראַלישער פּראָבלעם פון אויסנאַמלעכער וויכטיקייט.

אַ פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אויף איינעם פון די אוניווערסיטעטן אין אויסטראַליע, אַ וועגעטאַריער און דער הויפּט פון דער צער-בעלי-חי געזעלשאַפט, איז אַרויסגעקומען מיט אַ „טעאָריע פון פאַרמיידן אומזיסטע פּיין". אין דער צייט, ווען עס מערן זיך קלובן ווי „העמלאָק" אין סאַן-פראַנציסקאָ, און „עקסיט" אין לאָנדאָן, וועלכע פּראָפּאַגירן אַקטיווע „עוטהאַנאַסיאַ", אָדער „חסד-טויט". קלינגט שוין נישט פרעמד די „טעאָריע פון פאַרמיידן פּיין". לויט דער מיינונג פונעם מחבר פון דער דאָזיקער טעאָריע, איז אַ נאָרוואָס געבוירן נפש'ל נישט קיין פאַרמירטער מענטש, נישט אין פיזישן און נישט אין לעגאַלן זין. עס איז סתם „לעבעדיקע בריאה". אויב עס איז געבוירן געוואָרן א קריפּל, איז כדי צו פאַרמיידן זיינע אייגענע ליידן, איינשפּאָרן צער די עלטערן, און ועל כולם, כדי עס זאָל נישט פאַלן צו לאַסט דער געזעלשאַפט, דאַרף מען עס עלעמינירן!

ליגט ער פאָר, אַז נאָר דאָקטוירים זאָלן האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען וועגן לעבן און טויט פון קינד. אַפילו נישט מוזן אָנפרעגן די מוטער, ווי עס פירט זיך ביז איצט. דאָס איז אַ טראָט ווייטער פון דעם איצטיקן צושטאַנד, אַ טראָט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג, פול מיט סכנות. די ערשטע סכנה ליגט אין דער מעגלעכקייט, אַז די פילאָזאָפיע פון „פאַרמיידן פּיין" זאָל ווערן אויסגעברייטערט און אַרומנעמען אויך די „אומפּאַסיקע צו אַרבעט", די גייסטיק אָפּגעשטאַנענע, זקנים און אַפילו קרבנות פון פאַרפאַלן. דאָס וואָלט געווען אַ צוריקקער צום פּרימיטיוו, צום געזעץ פון דזשונגל, ווו די העכסטע רעכט געהערט דער פויסט.

איז ווערט צו דערמאָנען, אַז די דאָזיקע „אידייע" איז נישט נײַ. זי איז שוין געוואָרן אָנגעוואָנדן מיט טויזנטער יאָרן צוריק אין אַלטערטימלעכער ספּאַרטאַ. די אַמאָליקע ספּאַרטאַנער זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז אַ קריפּל וועט נישט קאָנען פאַרטיידיקן דאָס לאַנד — און זיי האָבן עס אַראָפּגעוואָרפן פון אַ הויכן באַרג.

אַזאַ „עטיק" איז געווען אַ רציחהדיקע, אָבער אַן ערלעכע. זיי האָבן די רציחה נישט באַדעקט מיטן פייגנבלאַט פון כלומרשטער „רחמנות". היינט לעבן מיר אין אַן „אויפגעקלערטער" צייט ווען אַ סך מיאוסע מעשים ווערן איינגעהילט אין אַ טוגנט-שלייער. מלחמות צוליב פּראָפיטן אָדער צוליב טעריטאָריעס ווערן מאַסקירט מיט אידעאָלאָגישע מאָטיוון. דער שוידערלעכער נאַציזם און סטאַליניזם האָבן אויך געווילדעוועט אין נאָמען פון אידעאָלאָגיעס.

קלינגט נישט די טעאָריע „פון פאַרמיידן פּיין" היפּאָקריטיש?

די היינטצייטיקע מעדיצין שטייט אויף אַ הויכער מדרגה, און זי איז מסוגל „פאַרלייכטערן די ליידן" מיט די נייעסטע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען. זי איז אויך מסוגל צו אָנווענדן פּראָפילאַקטיק באַלד אין די ערשטע וואָכן פון שוואַנגערשאַפט. די מעדיצין קען שוין אויך באַשטימען פון פאָראויס, צי דאָס קינד וועט געבוירן ווערן אָן פעלערן. פאַרוואָס באַגיין אַ רציחה ווען עס זענען דאָ מעגלעכקייטן פון פאַרהיטן?

אויב עס וועלן מיט דער צייט אָנגענומען ווערן אַזעלכע אַנטי-מאָראַלישע געזעצן, וועלן ברייט געעפנט ווערן די טויערן פון טויט. עס וועלן מער נישט אָפּשערן זיך די פאַרטיידיקער און קעגנער פון לעבן. בלייבן וועט דער שוידערלעכער תוך: טויט. יעדעס מאָל, ווען עס וועט אַ דורכגעפירט ווערן א לעגאַליזירטע רציחה איבער אַן אומשולדיק לעבן, קינד, זקן, קריפּל — וועט עס זיין פּשוטער ברוטאַלער מאָרד. עס וועט ווערן באַטראַכט אַלס ארכאאיש, אַלס אַ חרפּהדיקער קען-צייכן פון אַ מאָראַלישער ירידה, אין אַ צייט פון וויסנשאַפטלעכן פּראָגרעס. עס וועט דאַן מער ווי ביז איצט געשענדעט און געבראָכן ווערן איינער פון די פונדאַמענטאַלסטע מאָראַלישע געזעצן „לא תרצה" — זאָלסט נישט הרגענען!

צוזאַמען מיט דער משפחה טרויערן מיר
אויפן פריצייטיקן טויט פון אונדזער
פאַרוואַלטער

## שיע טיגעל ע"ה

„קדימה"-קאָמיטעט

1979), אָרגאַן פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל מיט אַ סך פאַקטן, אונטער אַ קאָפּ: „אַנטיסעמיטיזם, אָפישיעל סאָוועט אידיאָלאָדזשי?״ (אַנטיסעמיטיזם; אָפיציעלע סאָוויעטישע אידעאָלאָגיע?). און אָט איז אַ ביכל, וואָס דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, מיט ד״ר נחום גאָלדמאַן בראש, האָט אַרויסגעגעבן: „סאָוויעט אַנטי־סעמיטיק פּראָפּאַגאַנדאַ״ (סאָוויעטישע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע) — א זאמלונג ציטאַטן פון סאָוויעטישע ביכער און בראָשורן, פון דער סאָוויעטישער פּרעסע, מיט אַנטיסעמיטישע קאַריקאַטורן. און גאָר וויכטיק איז אָט וואָס: דאָס ביכל עפנט זיך מיט לעגינס באַרימטער רעדע קעגן אַנטיסעמיטיזם, זייער פּראָמינענט אָפּגעדרוקט! און אָט איז אַרויס א ביכל פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט („אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע״):

„סאָוויעט דזשוערי סינס דעטה אָוו סטאַלין״ (סאָוויעטישער יידנטום זינט סטאַלינס טויט), אומגעפער פון זעלביקן כאַראַקטער, ווי דאָס ביכל פון יידישן וועלט־קאָנגרעס — מיט פאַקטן און פאַקטן פון אָפענעם אַנטיסעמיטיזם! און יעדער אמתער אָנהענגער פון סאָציאַליזם מוז זיך פרעגן: „וואָס האָט דאָ פּאַסירט?״ ווי אַזוי האָט געקאָנט קומען אַזאַ ענדערונג אין דעם לאַנד, וואָס האָט אין די אַן ערך ערשטע אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר פון זיין עקזיסטענץ דעם אַנטיסעמיטיזם אַזוי שאַרף באַקעמפט און געזען, אַז די יידישע קולטור זאָל אויפבליען אַזוי ווי קיין מאָל נישט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק?

באמת, מוז נישט יעדער ערנסטער מענטש זיך פרעגן: וואָס האָט דאָ פּאַסירט?! זענען מיר דען אַלע נישט געווען עדות פון גראָמיקאָס היסטאָרישער רעדע דעם 14־טן מאַי 1947, אין דער יו־ען, וועגן די ליידן פון יידישן פאָלק אונטערן נאַציזם און ווי דאָס יידישע פאָלק דאַרף פאַרגיטיקט ווערן — און ווי די שטרעבונגען פון יידישן פאָלק צו אייגענער מלוכהשאַפט, טאַקע אין ארץ ישראל, דאַרפן דערפילט ווערן? ווי קאָן מען פאַרגעסן, אַז ווען נישט דאָס געווער פון די סאָציאַליסטישע לענדער וואָלט די נייגעבוירענע ישראל־מדינה נישט געקאָנט ביישטיין דעם אָנגריף פון פינף אַראַבישע מלוכות אין 1948? ווי קאָן מען פאַרגעסן וואָס פאַר אַ פריידֿ עס איז געווען ביי יידן אין יעדן אוקראַיִנישן שטעטל, ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין און פאַרטריבן די באַנדעס פון פּעטליורע, מאַכנאָ און די אַנדערע פּאָגראָם־מאַכער?

מיר אַליין, דאָ אין אַמעריקע האָבן דאָך אַזוי פיל געוווּנען פון דעם אויפשוווּנג פון דער יידישער קולטור אין סאָוויעטן פאַרבאַנד. ברייטע יידישע מאַסן זענען צוגעצויגן געוואָרן צו דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. וואָס פאַראַ רעזערוון גוטן ווילן פאַרן סאָוויעטן־פאַרבאַנד האָבן די אַלע אַנטוויקלונגען לטובת דעם יידישן פאָלק געשאַפן צווישן די ברייטע יידישע מאַסן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער! טאָ ווי איז מעגלעך געוואָרן די איצטיקע לאַגע?!

דער ענטפער דערויף איז א פילפאַכער, א קאָמפּליצירטער. אַהער גייט דער עיקר אַריין דער סטאַליניזם, וועלכער האָט אויפגעלעבט דעם אַנטיסעמיטיזם פון אַמאָל אין רוסלאַנד און געגעבן אים נייע פאָרמען. קלאָר איז, אַז איצט איז דער אַנטי־ציוניזם אַ צודעק פאַר אַן אַנטיסעמיטישער, אַנטי־סאָציאַליסטישער פּאָליטיק!

---

י. מ. ל.

# איז אויפשטייג פון וויסנשאַפט די ירידה פון מאָראַל?

דאָס אַלטע ביבלישע געזעץ „לא תרצח״ פּראָקלאַמירט טויזנטער יאָרן צוריק, איז געוואָרן די אָנערקענטע פילאָזאָפיע פון רעליגיעס און קולטורן אין משך פון א סך דורות. „זאָלסט נישט הרגענען״ איז געווען אַ נאָבעלער, עטישער אימפּעראַטיוו, דער ווינקל־שטיין פון יעדער קולטור, איינער פון די יסודות אויף וועלכן די געזעלשאַפט האָט אויסגעבויט איר יוריסדיקציע.

חוץ דעם איז די כוונה פון געזעץ געווען, און איז געבליבן עד היום, צו צעמענטירן די געזעלשאַפט, אויסצובויען אַ באַזע פאַר קעגנזייטיקער פריינדשאַפט, אָפּצושאַפן ווילקיר און רציחה, וואָס צעטיילט און צעשטערט.

צום באַדויערן ווערט דער דאָזיקער עטישער אימפּעראַטיוו געבראָכן אויף פאַרשידענע אופנים. כמעט טאָג־טעגלעך ברענגט די צייטונג־כראָניק פאַלן פון מאָרד פון אַ יחיד איבער אַ יחיד. אַ טאָג גייט נישט פאַרביי אָן אַן עקספּלאָזיע פון מאַסן־רציחות ערגעצוווּ אין דער וועלט. די געשיכטע־בלעטער זענען פול מיט מלחמות און רעוואָלוציעס, ווען דער „לא תרצה״ הערט אויף צו זיין אַ פאַרברעכן און באַקומט דעם סטאַטוס פון א העראָאישן אַקט, ווי אַ טוגנט פון דער העכסטער מדרגה. דער דאָזיקער צושטאַנד ווערט שוין באַטראַכט ווי אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און איז געוואָרן אַקצעפּטירטע רוטין.

אַנדערש זעט עס אויס, ווען אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק רואיקער צייט ווערן באַגאַנגען אַקטן פון סאַנקציאָנירטע רציחות. איינע פון זיי איז דער קאָנטראָווערסאַלער פּראָבלעם פון אַבאָרטן. דאָס פּראָבלעם איז נישט נײַ. מיט צענדליקער יאָרן צוריק זענען אויך אַדורכגעפירט געוואָרן אַבאָרטן, אומלעגאַל און בשתיקה. אַ שוואַנגער פרוי אין רעזולטאַט פון אַ פאַרגוואַלדיקונג, אָדער אַ יונג אומפאַרהייראַט מיידל, זענען אונטערן דרוק פון אַן אומטאָלעראַנטער געזעלשאַפט געצוווּנגען געוואָרן הערצו. די אַמאָליקע אָנשויאונגען זענען היינט פאַרעלטערט. לויט דער סטאַטיסטיק ווערן אין אויסטראַליע געבוירן יעדעס

פּ. נאָוויק

# די געפאַר: „אַנטי־ציוניזם"

אונטער דעם קעפּל, האָט דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער קאָמוניסטישער צייטונג „מאָרגנפרייהייט" אין ניו־יאָרק, אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין דעם איקוף־זשורנאַל: „יידישע קולטור".

צוליב זייער פּאָזיטיווער באַציאונג צו מדינת ישראל, און דעם שאַרפן קאַמף וועלכן זיי פירן קעגן אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועט רוסלאַנד — ווערן די יידישע פּראָגרעסיווע פאַרשריגן ווי אָפּטריניקעס פון קאָמוניסטישן אידעאַל. דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פירט קעגן זיי אַ גוואַלדיקע העצע, לויטן גוט באַקאַנטן נוסח.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע אויסצוגן פון דעם אַרטיקל וועלכע — ווי מיר גלויבן — אילוסטרירן, אַז מענטשן טראַכטן פּאַרט.

די רעדאַקציע

**צווישן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען זענען געווען — און פאַרבליבן — קעגנער פון אימפּעריאַליזם. די קיבוצניקעס זענען געקומען קיין ארץ־ישראל „בויען סאָציאַליזם" — און ס'איז טאַקע געשאַפן געוואָרן די זייער וויכטיקע קיבוצים־סיסטעם, וואָס פאַרמאָגט סאָציאַליסטישן אינהאַלט.**

**וואָס־זשע פאָדערט זיך אינעם ליכט פון אַזאַ סיטואַציע? דיפערענצירן! כסדר דיפערענצירן! דאָס איז געווען און פאַרבליבן די אויפגאַבע בנוגע דעם ציוניזם. ווי יעדע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג, ביי יעדן פאָלק, פאַרמאָגט די ציוניסטישע באַוועגונג פאַרשיידענע ריכטונגען. מען דאַרף, מ'קאָן און מ'מוז מיט דער אָדער יענער ריכטונג מיטאַרבעטן, פריינדלעך און טאָלעראַנט מיטאַרבעטן, אויב אַפילו מ'גייט זיך פונאַנדער בנוגע באַשטימטע פראַגן, טאַקע בנוגע דעם ציוניזם גופא.**

★

**זאָגן דאַרף מען, גאַנץ אָפנהאַרציק, אַז אין דער פּראָגרעסיווער יידישער באַוועגונג האָבן מיר ווייט נישט אַלע מאָל געהאַט אַזאַ צוגאַנג. ווען און ווי אַזוי איז פאָרגעקומען די ענדערונג? פאַרוואָס איז זי פאָרגעקומען?**

**שוין אין די דרייסיקער יאָרן, ווען דער נאַציזם האָט זיך פאַרמאָסטן אויפן יידישן פאָלק און ס'איז געשאַפן געוואָרן דער פאָלקספראָנט, איז אָנגעשטאַנען אַן אַנדער צוגאַנג צום ציוניזם. מ'האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן מיט ציוניסטן אין קאַמף קעגן נאַציזם. דערנאָך איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה, מיטן יידישן חורבן, וואָס האָט זיך אַזוי טיף אַריינגעשניטן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק! ס'איז געקומען דער קאַמף פאַרן געבורט**

פון מדינת ישראל, אַ פּראָגרעסיווער, אַנטי־אימפּעריאַליסטישער קאַמף, אין וועלכן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן זענען געווען אַן אַקטיווער צד. ווי אַזוי וואָלט גאָר מעגלעך געווען, אַז דער צוגאַנג פון לאַנג־פאַרגאַנגענע יאָרן זאָל ווייטער גילטן? נאָר ווען מען נעמט נישט אין אַכט דעם אויפקום פונעם נאַציזם, דעם יידישן חורבן, דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, דעם געבורט פון מדינת ישראל, קאָן מען בלייבן פאַרגליווערט און האַלטן זיך ביי די פאָרמולעס פון אַמאָל, פאַרן בלוטיקן מבול!

פון צייט צו צייט קומט אימיצער ערגעץ־ווו און ציטירט פון דעם, וואָס איך האָב געשריבן וועגן ציוניזם — פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאַרן חורבן, פאַרן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, פאַר מדינת ישראל, און זאָגט: אַהאַ, זעט וואָס פּ. נאָוויק האָט אַמאָל געזאָגט! אַזאַ איינער פאַרטראַכט זיך נישט וועגן די אַנטוויקלונגען פון דער צייט, ספּעציעל אין יידישן לעבן. דער באַקאַנטער פאַרשטאָרבענער שרייבער און דענקער, יצחק דויטשער, וועלכער איז געווען אַסימילירט, האָט געהאַט באַמערקט נאָכן חורבן: „אין אָשוויענטשים איז געבאָרן געוואָרן אַ נייער יידישער באַוווּסטזיין". דאָס איז געווען אַ פיל־באַדייטנדיקע באַמערקונג!

חוץ דעם דאָזיקן סאַמע עיקר, דעם יידישן חורבן, זענען געווען אַנדערע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן געמוזט ברענגען צו אַן ענדערונג אין אונדזער שטעלונג צום ציוניזם — אין דעם זין פון מיטאַרבעטן, פריינדלעך און טאָלעראַנט, מיט ציוניסטן — מיט וועלכע מען קאָן און מען דאַרף מיטאַרבעטן.

די אַנטי־ציוניסטישע היסטעריע האָט געשאַפן אַן ערנסטע לאַגע אין ערטער, ווו מ'האָט זיך צום ווינציקסטן געקאָנט ריכטן, אַז דאָרטן זאָל זיך אַזאַ לאַגע אַנטוויקלען. מען מוז קוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין, ווי דאָס זאָל נישט וויטאָן — אויב ס'איז דער אמת. מ'טאָר נישט פאַרווישן פאַקטן, ווי פיינלעך זיי זאָלן נישט זיין. דער ביטערער פאַקט איז, אַז דער אַנטי־ציוניזם האָט געשאַפן אַ זייער ערנסטע לאַגע אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. נישט נאָר בנוגע יידן — בנוגע זיי קודם־כל — אָבער אויך בנוגע סאָציאַליזם בכלל.

די פאַקטן זענען באַקאַנט און איך וועל זיך איצט אין זיי נישט אויסברייטערן. מ'קאָן לײַדער גאַנץ אָפט לייענען וועגן זיי אין דער אַלגעמיינער פּרעסע — וועגן אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין דער „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", אין „אָגאָניאָק", „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ", וועגן אַנטיסעמיטישע ביכער און בראָשורן. מיר האָבן אַ היפּש פּעקל פון דער „ליטעראַטור". דער גאַנצער טרויעריקער ענין איז גוט באַקאַנט און נאָר די וואָס שטעקן אַריין די קעפּ אין זאַמד, מיינען אַז קיינער זעט נישט און ווייס נישט.

אָט האָבן די לעצטע צייט וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע אַרויסגעגעבן עפנטלעכע דאָקומענטן, וואָס זענען אָן ספק געלייענט געוואָרן פון הונדערטער טויזנטער. דער „קאָנגרעס מאַנטליי" (יאַנואַר

י. מ. לעווין

# קדיש ווילט זיך זאָגן

קדיש ווילט זיך זאָגן, — שרייבער — קדושים, יידישע
פּאָעטן,
נאָך אייער געבוין מיט ערד רוסישער פאַרשאָטן.
שטיוול סאָלדאַטסקע און בלוטיקע באַגנעטן
האָבן אייער גלויבן צעפּערטלט און צעטראָטן.

ליבערשט וואָלט איך אַנשטאָט קדיש, אַ לויב גאָר געזונגען
צום סימן מענטש־און־ייִד שטאָלץ דורך אייך דערהויבן,
ווער נאָך מער ווי איר זייט געווען געצוווּנגען
דעם סימן־ייִד פאַרדעקן מיט פאַלשע לויבן!

ווייס איך נישט — צי הלל זינגען, צי קדיש זאָגן,
אפשר וועלן בײדע נישט זיין אייך ליב.
איר זייט ל ע ג ע נ ד ע, עכא פון פאַרשניטענע פאַרטאָגן,
וואָס גייען אויף מיט פּראַכט פון קבורה־גרוב.

וועל איך זינגען הלל צו האָפשטיין דויד,
צו שטילער עלנט „אין ווינטער פאַרנאַכטן"
אויף רוסלאַנדס ווייטן, ווו פון תמיד, תמיד
איז בענקשאַפט־ייִד מיט בענקשאַפט־מענטש געפלאָכטן.

מיט כבוד וועל איך אויך דעם נסתר דערמאָנען,
דעם ל׳יוניק, געשמיסן מיט דער רוט פון נויט.
ער האָט געהיט זיין גלויבן א מאראן צווישן מאראנען —
זיין אמונה נישט אויסגעביטן אויף שאָפל ברויט.

שטאָלץ האָט געליכטיקט די קרוין אויף מאַרקישעס קרויזן
פאַר „די טענצערין" און „מלחמה". צוויי פּאָעטישע
ווולקאַנען.
מיט דער „קופּעס" לײדן פאַרקנופּט איז זייער ברויזן,
און טרויער אין די אויגן־צוויי טיפע אָקעאַנען.

ביז הייַנט נאָך לאָקן סעדער־ריחות אין קולבאַקס „רייסן",
דער קאָסע־סווישטש פון זיידעס און גברנדיקע פעטערס,
דער זויער־זיסער ריח פון האָרעפּאַשנע שווייסן,
און דער טעם פון קאָרן־ברויט אין ייִדיש־פּויערשע כאַטעס.

באַגליביק איז איציק פעפערס אויפגעוואַקסענער ייִדיש־
שטאָלץ
אין „די שאָטנס פון געטאָ־וואַרשע", און „כ׳בין אַ ייִד" —
אונטער דעם פינף־שפּיציקן שטערן אויף זיין האַרץ
האָט דעם זיידנס אַלטער גלויבן ווידער אויפגעבליט.

און מיכאָעלס, באַקרוינט מיט „מודרי סאָלאָמאָן",
ווען שוין גרייט געווען דעם הענקערס אומקום־גזר;
באַקלאָגט האָט אים מאַרקיש מיט „א נר תמיד ביים ארון"
און אַליין געקעפּט געוואָרן פון בלוטיקן צאַר.

צו די שטערן געבליקט האָט פאַרן טויט קוויטקאָ לייב —
מיט דער ייִדיש־לירע האָט׳ר אויסגעשפּילט זיין לעצטן ניגון:
„איך האָב אין שיין פון ליכט פאַרן עמוד דערפילט מיין
לייב" —
און מיט אַט דער תפילה צו די העכסטע שטערן דערשטיגן.

---

סיגנאַליזירן די סטאַליניסטישע „ענטגילטיקע לייזונג"
פאַרן יידישן פאָלק.

### געשיכטע באַשולדיקט — און געשיכטע רעהאַביליטירט

דער ליטעראַריש־קינסטלערישערביישטייער פון די סאָוויעטיש־ייִדישע שרייבער צו דער ייִדישער ליטעראַטור; זייער מאַרטירער־טויט, ווי פאַרשטייער פון דער ייִדישער אינטעליגענץ, פירט זיי אַריין אין פאַנטעאָן פון אונדזערע קדושים.

די דאַטע פון 12־טן אויגוסט 1952 איז אַריין אין ייִדישן קאַלענדאַר צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע טרויער־טעג אונדזערע, וועלכע מיר דאַרפן אָפּהיטן, ווייל דאָס איז אונדזער טראַגישע ירושה, ווייל דאָס איז א טייל פון אונדזער נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין.

מיר זענען אַ רינג אין דער ייִדישער געשיכטע און אונדזער חוב איז צו טראָגן דאָס דאָזיקע באַוווּסטזיין פון דור צו דור.

מעם

---

ת. מאַלטינסקי

★

אַ יידן אין שטעטל כ׳באַגעגן,
פאַרלאַנגזאַמערט ער זיינע טריט,
נאָר שעמט זיך, אַ פנים, צו פרעגן —
פון וואַנען זשע קומט אָן אַ ייִד.
און איך קאָן זיך אויך ניט אַנטשיידן
צו טאָן אַזאַ פשוטע זאַך,
ווי צוגיין און אָנהויבן ריידן
אויף אונדזער געוויינלעכער שפּראַך
און עפּעס אַ מאָדנע גריזאַטע
און בושה דאָס האַרץ מיר פאַרקלעמט.
ס׳צעגייען זיך אונדזערע שאָטנס,
אַזוי נאָענט און אַזוי אָפּגעפרעמדט . . .

1967, ווייסרוסלאַנד.

פון בוך „פרישע ווינטן".

# צום אָנדענק פון די יידישע שרייבער — אומגעבראַכטע אין סאָוויעט־רוסלאַנד

אין יאָר 1956 איז אָפיציעל באַשטעטיקט געוואָרן דאָס, וואָס מ׳האָט לאַנג פאַרדעכטיקט, אַז די אַרעסטירטע יידישע שרייבער, פאַרשפאַרט אין דער מאָסקווער ליוביאַנקע־טורמע זייט 1948, זענען דערשאָסן געוואָרן.

דער באַשלוס זיי אומצוברענגען, איז געווען די סיבה פון זייער אַרעסט.

פאַרוואָס האָט מען זיי געפייניקט גאַנצע פיר יאָר? וועלכע ידיעות האָט די עמ.ווע.דע. געהאָפט פון זיי אַרויסבאַקומען? אָדער: האָט מען זיי געקאָרמעט מיט דער אילוזיע פון באַפרייאונג, אויב? . . .

אויף די פראַגן וועלן מיר שוין וואַרשיינלעך קיינמאָל קיין ענטפער נישט באַקומען. אַפילו אויך נישט נאָך דעם, ווי מען וועט אויפמאַכן די אַרכיוון פון דער סטאַליניסטישער מאָרד־מאַשין.

דער מאָרד איבער דער יידישער קולטור און אירע שעפער האָט נאָכגעפאָלגט דער אַרעסט פון די יידישע דאָקטוירים אין יאַנואַר 1953, מיטן אויסרייד פון אומברענגען זשדאַנאָוון — כאָטש קינד און קייט האָבן געוווּסט, אַז זשדאַנאָוון האָט אָפגערוימט סטאַלין, און שפעטער האָט ער געטראָגן דעם ארון, צוליבן נוצן פון די פאָטאָגראַפן.

פאַרוואָס בלויז זשדאַנאָוון? און ווער האָט אָפגערוימט קיראָוון אין לענינגראַד? און קאַמיעניעוון, און זינאָוויעוון, און טראָצקין?

נישט די ביאָגראַפיע פון אַ פאָליטישן מאַניאַק שרייבן מיר דאָ. די יידישע שרייבער און קינסטלער, די יידישע דאָקטוירים, די יידישע באַפעלקערונג פון סאָוויעט־רוסלאַנד האָבן נישט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין געפאַר פאַר דער סטאַליניסטישער הערשאַפט.

עס איז געווען אַן אַקט פון זיגלאָזן סאַדיזם, אַ ווילן צו נאָכמאַכן דעם „פירער", וועלכן ער האָט פאַרגעטערט.

דער סטאַלין קולט איז פאַראורטיילט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע פירער. אָבער דער סטאַלין גייסט איז פון אַ פאַטאָלאָגישער שינאה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אידעאָלאָגישער ליניע, וועלכע ווערט פרעציז נאָכגעפאָלגט לגבי יידן ווי יחידים און ווי אַ קאָלעקטיוו.

דאָס, וואָס אַ יידישער זשורנאַל דערשיינט אין רוסלאַנד, איז ווייט נישט קיין באַווייז, אַז די באַציאונג צו אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט יידישער גייסטיקייט, איז אַ פאָזיטיווע. עס מאַכט גיכער דעם איינדרוק פון דעם „יידן מוזעאום" וועלכן די נאַציס האָבן פלאַנירט נאָכן ענטגילטיקן זיג איבער די פעלקער פון אייראָפע, נאָך דער „ענטגילטיקער לייזונג" פון דער יידן־פראַגע.

דאָס, וואָס די יידישע שרייבער זענען געווען מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי — ווי אַן אויסדרוק פון זייער צוגעבונדנקייט צו רוסלאַנד, צום רוסישן פאָלק — נעמט ביי זיי נישט צו די מאָראַלישע רעכט פון ווערן אָנגערופן מאַרטירער. מיר טאָרן זיי נישט אויסשליסן פון קדושים־קאָלעקטיוו.

זיי זענען נישט אומגעקומען צוליב פראַקציאָנעלן קאַמף אין דער פאַרטיי, נאָר זייער אומקום האָט געדאַרפט

יוסף קערלער

## זוטער אויגוסט 1952

אין דעם דאָזיקן טאָג, אין דעם דאָזיקן טאָג
פאַרשפאַרן מיר שטאַרקער די פיין און די קלאָג,
די פיין — אינעם האַרצן, די קלאָג — צווישן ציין:
בערגעלסאָן,
מאַרקיש,
קוויטקאָ,
האָפשטיין.

זיי זענען געפאַלן אין מיטן דער נאַכט
און ס׳האָט קיינער קיין טרייסט פאַרן טויט זיי געבראַכט . . .

און די איינציקע שיין וועלכע האָט זיי געזאַלבט
איז געווען דאַן — דער בליץ פון דעם רוצחישן זאַלפ . . .

אין דעם דאָזיקן טאָג, אין דעם דאָזיקן טאָג
מיין צעבלוטיקט געזאַנג הייב איך אויף
און איך טראָג —

מיין ליד — אַ מצבה, מיין האַרץ — ווי אַ ליכט,
נאָר איך וועל שוין, ווייזט אויס, ניט דערפילן מיין פליכט —
ס׳איז ניטאָ ווו צו שטעלן קיין ליכט און קיין שטיין —
בערגעלסאָן,
מאַרקיש,
קוויטקאָ,
האָפשטיין.

ישראל בערקאָוויטש (בוקאַרעשט)

# דער נישט פאַרגינער

ישראל בערקאָוויטש, איז דער היי־יאָריקער קולטור־שליח פון „קדימה״ און גאַסט־רעזשיסאָר פון דוד הערמאַן־טעאַטער. ער איז אויך אַ דיכטער, און מחבר פון עטלעכע ביכער פּאָעזיע. מיט פאַרגעניגן פאַרעפנטלעכן מיר איינע פון זיינע לידער.

רעדאַקציע

עס איז געשען אין מאָנאַט מאַי,
אין יענעם שיינעם מאָנאַט מאַי,
ווען וועלט האָט אָפּגעאָטעמט פריי,
ווען ס׳האָט דער קריג זיך אָפּגעשטעלט
און מ׳האָט געזאָגט
ס׳איז שלום אויף דער וועלט.
ס׳איז יעדער נבהל ונשתומם,
ווער וויסט די צאָל פון די אלמנות און יתומים...
באַזיגט מען האָט די היטלער־וועלטן־צינדער,
— אויסגעמעקט זאָל זיך זייער נאָמען
קיינמאָל זאָל מען זיי דערמאָנען —
פון שטילקייט, טויב זענען געוואָרן די קאַנאָנען,
געיובלט האָבן אויף די גאַסן אַלטע, קינדער,
אַיעדער האָט געפילט
ווי ס׳ווערט אין האַרצן לינדער
און עפּעס אַ בראשיתדיקער גייסט
שוועבט אויף דער וועלט אין גאַנצן
און ס׳האָט דער גאַנצער עולם
אָנגעהויבן טאַנצן.

טאַנצט די וועלט
און מיט כל אמצי־כוח,
כאָטש פון חורבות, קאַלעך־אויוונס,
שלענגלט זיך נאָך שטאַרקער רויך.
נאָר אין סאַמע טאַנץ צעפלאַקערטן,
בעת אַלע טאַנצן אויס די פרייד פאַרשייט,
זעט איינער אַ יידן וואָס ער טאַנצט נישט,
אָפּגערוקט דאָרט אין אַ זייט.
זעט נאָר ווי ער טאַנצט נישט!
— קום און טאַנץ מיט אונדז,
מען זאָגט דעם יידן,
היינט איז דאָך דער ערשטער טאָג פון פרידן,
מיר נעמען דיך אַריין אין קאָן,
מען האָט גענוג געפּייניקט דיך,
בושות אָנגעטאָן,
ס׳האָט דיין פאָלק גענוג געליטן
דורך די יאָרן טעג און נעכט
קום און טאַנץ מיט אונדז צוזאַמען,
האָסט שוין אויף די זעלבע רעכט.

עס שוויגט דער ייד
נאָר זיינע אויגן רעדן.

— זעט נאָר ווי ער וויל נישט טאַנצן,
ער פאַרגינט אונדז נישט די פרייד,
דער נישטפאַרגינער!
הייסט אים טאַנצן!
אויב ער טאַנצט נישט,
האָב איך נאָך אַ קויל אין ביקס,
איך שיס!
שלעפּט מען אים דעם יידן
ער זאָל טאַנצן
זעט מען ערשט ער האָט נישט ביידע פיס.
— בין איך נישט גערעכט?
אַז ער האָט קיין פיס נישט
ווי קאָן ער אונדז די פרייד פאַרגינען?
ער וועט אונדז ביי יעדן טאַנץ
אַראָפּפירן פון זינען.
ווען מיר וועלן וועלן טאַנצן
וועט ער זאָגן אַז ער האָט קיין פיס.
איך שיס!
זעט דער ייד די וועלט וויל גאָרנישט טאַנצן אָן אים,
הייבט ער באַלד אויף ביידע הענט
און ער שרייט דער טאַנצנדיקער וועלט אין פנים.
ס׳איז דאָס קול נישט אויסגעלאָשן,
עס שרייט יידיש־מאַמע־לשון:
— האָט נישט מורא, איך וועל טאַנצן, בנאמנות,
איך וועל אייער פרייד נישט שטערן,
איך וועל טאַנצן מיט אַ ליד אַזאַ
אַז די גאַנצע וועלט זאָל הערן.
ס׳איז דאָס ליד אַ יידיש ליד
וואָס איז טייער און הייליק
איך וועל טאַנצן מיט דעם ליד
פון באַרדיטשעווער זעליג.

גאַפט דער עולם,
דער שיסער האַלט די ביקס אין האַנט נאָך
ווי אַ גולם,
אַלע זענען מויל און אויערן,
מען קוקט פון אַלע אויסגעזעצטע פענצטער,
מען קריכט אַרויף אויף די פאַרברענטע טויערן,
אַלע אויגן קוקן, גלאַנצן,
ווי דער ייד הייבט אָן צו זינגען
ווי ער הייבט אָן טאַנצן:

כאָטש איך האָב קיין פיס נישט,
קיין אבר נישט קיין גאַנצן,
וועל איך זיך אַמאָל נאָך
האַסטיק, ווילד, צעטאַנצן.

אָט טאַנץ איך!

קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען ווי די רעכט אויף גטן זיך, אויף געבורט־קאָנטראָל (דורך קינסטלעכע מיטלען), און אויף אַבאָרטן.

— 2 —

דער „ויתרוצצו" דאָ, דער ווידעראַנאַנד, איז ניט אַזוי צווישן ליבעראַליזם און קאָנסערוואַטיזם, ווי ס׳איז גאָר צווישן הומאַניזם און טעאָלאָגיע (אין איר איבערנאַטירלעכער דימענסיע). מען דאַרף נישט זיין קיין קאַטאָליק, אָדער אַן אָרטאָדאָקסישער ייד, אָדער פאָרמעל רעליגיעז, כדי נישט צו זיין — לפחות אין פּרינציפּ — שווה־בשווה מיטן געדאַנק פון אַבאָרטן (פּטור ווערן פון דעם עמבריאָן אין די ערשטע דריי חדשים פון שוואַנגערשאַפט אָדער פון דעם פעטוס־וולד אין די שפּעטערדיקע חדשים, כדי צו פאַרמיידן געבורט). אין אַן עפּאָכע פון גענאָסיד, פון קאָלאָסאַלער הפקרות וואָס שייך מענטשלעך לעבן, פון דעם אכזריותדיקן מאָרד פון זעקס מיליאָן יידן, פון די טיעוולאָניש־ברוטאַלע עקספּערימענטן פון נאַצי־דאָקטוירים אויפן מענטשלעכן קערפּער — אין אַזאַ עפּאָכע, איז נישט אַזוי גרינג אָפּצושאָקלען פון זיך ספקות וועגן דער פּראַקטיק פון אַבאָרטן (ספקות און נישט דאָגמעס, וואָרעם עס זענען אויך פאַראַן ראיות פאַר דעם, און מען דאַרף זיי „באַלאַנסירן").

נאָר וואָס־זשע־דען, דעם פּויפּסטס פאַרדאַמען אַבאָרטן, — אַן אימפּעראַטיוו פאַר דער קירכע — איז נישט צוליב הומאַניזם, פליסט נישט אַרויס פון א סכום עטישע ווערטן, פון טיפן גלויבן, אַז דער מענטש איז הייליק מחמת ער איז מענטש, אָן שום תנאים און רעזערוואַציעס. מען דאַרף פון דעם נישט דרינגען אַז עס פעלט דעם פּויפּסט דאָס געפיל פון רחמנות, אַז די מאָטיוון זיינע שליסן אויס לגמרי הומאַניזם, און עס באַטייט אויך נישט אַז טעאָלאָגיע איז אין איר סאַמע עצם אָפּגעזונדערט פון עטישע ווערטן. עס ווענדט זיך וואָס־פאַר־אַ טעאָלאָגיע ס׳איז, און בעיקר וועמען עס קומט די בכורה, די פּריאָריטעט, אין דער סקאַלע פון ווערטן.

ווערליק דעם הומאַניזם, דעם סעקולערן און רעליגיעזן (און ס׳איז פאַראַן אַ רעליגיעזער הומאַניזם), קומט די בכורה די עטישע ווערטן. אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור, אַריינגערעכנט טעאָלאָגיע און רעליגיע, אַלע אַספּעקטן פון מענטשלעכער עקזיסטענץ, מוזן זיך סומך זיין אויף עטישע ווערטן און דורכגעלויכטן ווערן פון זיי. אויף וויפל דער קאָנסערוואַטיזם פון דעם פּויפּסט איז צוליב דעם וואָס די טעאָלאָגיע איז ביי אים די האַרנטע און די עטישע ווערטן זענען איר אונטערטעניק, איז זיין דעווייז — גערעכטיקייט אין דער געזעלשאַפט, דיסציפּלין אין דער קירכע — נישט אין איינקלאַנג מיטן הומאַניזם, נישט מיט דעם סעקולערן און נישט מיט דעם רעליגיעזן, און איז גורם אומגערעכטיקייט אין דער קירכע, און דורך דער קירכע אין דער געזעלשאַפט.

די מכריע׳דיקע סיבה פאַרוואָס דער פּויפּסט איז קעגן אַבאָרטן וואָרצלט זיך אין טעאָלאָגיע. און דערמיט דערקלערט זיך וואָס ער איז אויך קעגן געבורט־קאָנטראָל (דורך קינסטלעכע מיטלען). ס׳איז אַ סתירה: פון שטאַנדפּונקט פון הומאַניזם קאָן מען נישט זיין גלייכגילטיק קעגן ביידע — אי אַבאָרטן, אי געבורט־קאָנטראָל, כדי אָפּצושאַפן די נייטיקייט אויף אַבאָרטן, דאַרף מען ניט בלויז דערלויבן געבורט־קאָנטראָל, נאָר אויפמונטערן און וועקן דעם חשק צו דעם. פאַרווערן ביידע — סיי אַבאָרטן, סיי געבורט־קאָנטראָל — איז אומשכלדיק און שעדלעך אין אַ וועלט ווו די באַפעלקערונג מערט זיך צו גיך, און ווו די סטרוקטור און כאַראַקטער פון דער פאַמיליע אין דער אורבאַניזירטער סביבה בייט זיך און איז אין קלעם פון אַ קריזיס.

די קאַטוילישע קירכע איז נישט אַזוי מאָנאָליטיש ווי זי איז געווען, און עס רודערט זיך אין דער קירכע גופא. פאַראַן אַן אומצופרידנקייט ביי נאָנעס, ביי פּרויען און מענער, אין שייכות מיט זייער ראָלע אין דער קירכע. און אַ באַוועגונג ביי גייסטלעכע וואָס ווילן נישט מפקיר זיין זייער רעכט אויף חתונה צו האָבן. און ס׳איז פאַראַן בכלל אַן אומרו וועגן דער צוויִאַיקייט: גערעכטיקייט אין דער געזעלשאַפט, דיסציפּלין אין דער קירכע.

— 3 —

ס׳איז פאַראַן אַ תלמודיש מעשהלע וועגן א „שמועס" צווישן ר׳ עקיבא און דעם תנא בן־עזי. דער וויכוח איז וועגן דעם צי דער „ואהבת לרעך כמוך" אין חומש ויקרא (יט, 18: זאָלסט ליב האָבן דיין חבר אַזוי ווי זיך אַליין) איז דער באַרג־שפּיץ פון עטישע און רעליגיעזע ווערטן. בן־עזי לייגט דעם טראָפּ אויף אַ פּשוטער פראַזע אין חומש בראשית: „זה ספר תולדות אדם" (ה, ו: דאָס איז דאָס בוך פון די געבורטן — דורות — פון אדמ׳ען). דער פּירוש אויף דעם איז אייגנשיינלעך: דער מענטש פאַרמאָגט חשיבות מחמת ער איז מענטש, בצלם אלוקים. ער פאַרמאָגט חשיבות מחמת ער איז מענטש, און אויף וויפל ער איז מענטש. פאַראַן בים דיכטער ב. י. ביאַלאָסטאָצקי אָט־די צוויי שורות:

נישט קרוין, נישט פאָן — דערהויב זיך מענטש,<br>צו הויכקייטן פון זין,<br>וואַש אָפּ דיין צלם־אלוקים און זאָג: —<br>איך בין, איך בין!...

אָט־דאָס איז דער יידיש־רעליגיעזער הומאַניזם. דער רבי ר׳ שמחה־בונעם האָט געזאָגט: דער וואָס באַנוגנט זיך מיט פרומקייט איז א גנב, וואָרעם ער גיט דעם רבונו־של־עולם אָט־דאָס וואָס עס קומט דעם מענטשן. לויט דער שיטה פון מוסר איז „אויב דער שכר פאַר אַ מצווה זאָל זיין גיהנום, און פאַר אַן עבירה, גן־עדן, דאַרף מען לויפן — נישט גיין — צו טאָן די מצווה". דאָס איז דער לויטערסטער הומאַניזם — „אויב נישט נאָך העכער". דער סינטעז פון דעם „ואהבת לרעך כמוך" און דעם „זה ספר תולדות אדם" איז פאַרוועבט אין דעם וווּנדערלעכן קאַפּיטל יט (19) אין חומש ויקרא. דאָס איז דער הומאַניזם פון יהדות, וואָס איז אַ זיווג פון רעליגיעזע און עטישע ווערטן, און דאָס איז דער זין און דער תוך פון דער נביאישער וויזיע וועגן וועלט, געזעלשאַפט און מענטש.

ד״ר עזריאל נאַקס

# דעם פּויפּסטס באַזוך אין אַמעריקע

ס׳איז קיין ספק נישט אַז דער באַזוך פון דעם פּויפּסט, דזשאָן פּאַול דער צווייטער, איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. און דער דערפאָלג איז נישט געווען בלויז צוליב דעם וואָס ער איז דער ראָש פון אַ קירכע צו וועלכער עס געהערן איבער זעקס הונדערט מיליאָן נפשות, אין אַ היפּשער מאָס איז עס געווען אין זיין אייגענעם זכות, ווי אַ מענטש פון גייסט, פון גוטן ווילן, וואָס פאַרמאָגט צוזיבער אין זיין פּערזענלעכקייט, און ס׳איז ניט געווען זיין ציל צו פאַרשפּרייטן דעם סם פון שנאה, נאָר להיפוך, צו זייען די קערנער פון ליבשאַפט און גנאָד.

דער פּויפּסט איז אייגנטלעך געווען דער גאַסט פון דער יו־ען, און דער קבלת־פּנים פאַר אים און די אָוואַציעס זענען געווען וואַרעמע און עכטע. אָט־דער איינדרוק וואָלט פאַרבליבן, ווען ניט דער אַרויסטריט אַ וואָך שפּעטער ביי דער יו־ען פון דעם דיקטאַטאָר פון קובאַ, פידעל קאַסטראָ. דער כבוד וואָס מען האָט אים צוגעטיילט און די אָוואַציע וואָס מען האָט אים געגעבן איז געווען אומפאַרגלייכלעך שטאַרקער און אימפּאָזאַנטער לגבי דעם וואָס מען האָט געשאָנקען דעם פּויפּסט. וואָס פאַר אַ פאַראומערט בילד עס באַקומט זיך פון דעם איצטיקן מהות פון דער יו־ען. אגב, אַן ענלעכע באַגייסטערונג, ממש ביז עקסטאַז, האָט אויך אַראָפּאַט אַרויסגערופן ווען ער האָט „באַשיינט״ די טריבונע פון דער יו־ען. ס׳איז דאָך די עבודה און שליחות פון דער יו־ען אויפצושטעלן דעם בנין פון שלום אויף דער וועלט און צו פאָרעמען צווישן־פעלקערלעכע פריינדשאַפט, און ס׳איז אַ טראַגישער און אויסטערלישער פּאַראַדאָקס וואָס דווקא די אונטערציינדערס פון האַס און רשעות זענען ביי איר אָנגעליגט און געווינען איר צוטרוי, מער ווי די וואָס זענען גענייגט צו אמתע אידעאַלן פון פרידן און גערעכטיקייט.

דער פּויפּסט האָט טאַקע גערעדט וועגן שלום און צווישן־פעלקערלעכער פריינדשאַפט, וועגן לינדערן די ליידן פון די אָרעמע און שוואַכע, וועגן פאַרבעסערן די מערכה פון די וואָס האָרעווען און פּראַצעווען, וועגן בויען אַ בריק — נישט גראָבן אַ תהום. וועדליק דעם נוסח פון פידעל קאַסטראָ — צווישן די לענדער מיט אַן אנטוויקלטער טעכנאָלאָגיע און די צוריקגעשטאַנענע לענדער, און האָט דערביי געוואָרנט קעגן דער עבודה־זרה פון אַ וווּלגאַרן מאַטעריאַליזם, און באַטאָנט די וויכטיקייט פון אַן אייהעלן און מאָראַלישן לעבן.

און דאָך איז דער ענין נישט אַזוי גלאַט און איינפאַך. עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן דעם פּויפּסטס אויפריכטיקייט, נאָר וועגן אַ צווייאיקייט, אַ געשפּאַלטנקייט אין זיין השקפה, אין זיין באַנעם פון וועלט און מענטש, אין זיין אויפפאַסונג פון די רעכט פון מענטשן אין דער ציווילער געזעלשאַפט און דעם אָרט פון קאַטוילישע מענטשן אין דער קירכע. אין דער פּאָליטישער און סאָציאַלער ספערע, דאָס הייסט, אין דער סעקולערער געזעלשאַפט, איז דער פּויפּסט אין דער מחנה פון די ליבעראַלן. איז ער אויפן צד פון די אָרעמע און אונטערדריקטע, איז ער אַ פּאַרטיזאַנער און באַשיצער פון דער פרייהייט פון יחיד און פון זיין געוויסן. נאָך אַלעמען האָט ער דאָך אַליין פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון טיראַניי, פון ברוינער און רויטער דיקטאַטור — פריער פון די נאַצי־רוצחים, די „אַרכיטעקטן״ פון אוישוויץ און טרעבלינקע און אַנדערע גיהנומס אויף דער ערד פון זיין היים, פּוילן, דערנאָך פון דעם קאָמוניסטישן טאָטאַליטאַריזם. ס׳איז אַ טעם וואָס אַן ערלעכער און עטישער מענטש וועט נישט פאַרגעסן, און קאַראָל וואָיטילאַ, דער איצטיקער פּויפּסט, דזשאָן פּאַול דער צווייטער, האָט טאַקע נישט פאַרגעסן.

אָט־דער באַגריף אָבער פון פרייהייט, פון דער אויטאָנאָמיע פון דעם יחיד, איז אַ באַגרענעצטער, מחמת ער איז נישט חל אויף דער קירכע. ס׳איז אַ פרייהייט וואָס טאָר נישט אַריבערשפּרינגען די שוועל פון דער קירכע. פאַרוואָס? דער ענטפער איז נישט אויפן גרונט פון לאָגיק, און ממילא לאָזט זיך וועגן דעם נישט דינגען, אַרגומענטירן. דער ענטפער איז אויפן יסוד פון טעאָלאָגיע, איז באַזירט אויף געבאָטן און באַפעלן וואָס שטאַמען דירעקט פון דעם בורא־עולם, פון גאָט. פרייהייט און סאָציאַלע גערעכטיקייט אין דער געזעלשאַפט, שטרענגע דיסציפּלין אין דער קירכע — אָט־דאָס איז די צווייאיקייט אין דעם פּויפּסטס אָריענטאַציע און געמיט. קיינער פון זיינע לעצטע פאָרגייערס, אַחוץ דזשאָן דער 23־סטער, איז נישט געווען אַזוי פּראָגרעסיוו אין סאָציאַלער און פּאָליטישער פילאָזאָפיע, אָבער בנוגע טעאָלאָגיע און די דאָגמעס און מנהגים אין דער קאַטוילישער קירכע איז ער זייער קאָנסערוואַטיוו און אומקאָמפּראָמיסלעך. נו, וועגן „קלייניקייטן״ קאָן מען טענהן אַז ס׳איז „זייער״ עסק, צום ביישפּיל, וועגן די קליידער וואָס די נאָנעס און גייסטלעכע זאָלן טראָגן, וועגן דעם וואָס די גייסטלעכע (פּריסטערס) טאָרן ניט חתונה האָבן, אַפילו וועגן דעם צי פרויען מעגן אויך זיין גייסטלעכע: אָבער ווי איז דער פאַל ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע אומגעהייער ערנסטע און

---

זענען זיי פאַרט די יורשים פון דער פאַרשוווּנדענער ייִדן־וועלט, אין בלוט און אין פלייש און אין גורל.

— — —

— הער ווי שטיל עס אָטעמט די נאַכט, וואָס האָט איינגעאָטעמט אונדזערע רייד.

— אַ קול גייט אויף דורך דער שטילקייט, הערסט?

— עס איז דאָס קול פון אונדזער שול־שמש, ער רופט צו סליחות פון חצות.

— קום לאָמיר גיין נאָכן קול פון דעם רופער.

אריינצוּלאָזן היינט אין אזעלכע חקירות. פאר מיר איז גענוג וויפל איך פארשטיי.

— און גייען אין בית המדרש אויסבעטן א גוט יאר!

— איך גיי צו זיין מיט יידן.

— אהא, רעליגיע צוליב נאציאנאלע מאטיוון!

— עס זענען נויטיק נאציאנאלע פארמען, וואס דריקן זיך אויס אין זיין מיטן ציבור.

— אבער דער ציבור וואס קומט אין שול ראש השנה, יום כפור, קומט צוליב פחד פאר גאט.

— דאס איז א גרויסע מדרגה. מענטש איז קליין און פארלארן אין דער וועלט; מיט אלע זיינע דער־גרייכונגען איז ער פארט איינגעציטערט אין אומ־זיכערקייט, אין מורא פאר זיינע אייגענע טריט, ווי אויפן לעצטן שוועל ווארט דער טויט. טיילט ער אפ א טאג, צוויי אין יאר, אין וועלכע ער דריקט אויס אט די געפילן זיינע, געפילן פון מיסטעריע, צו טראכטן וועגן זין פון זיין, זיך איבערגעבן דעם פחד פאר דאס אומבאוווּסטע, וואס רינגלט איין אונדזער קומען און אונדזער אוועקגאנג פון דער וועלט. אין אט דעם אויסטיילן עטלעכע טעג אין יאר פאר חשבון הנפש, פארן געפיל פון מיסטישער פארלארנקייט, איז פאראן שיינקייט, א נשמה־צאפל וואס דערהויבט דעם מענטשן.

— פאעזיע, ברודער, פאעזיע. די וואס שטופן זיך צונויף אין די שולן האבן נישט אזא געפיל. זיי קומען צוליב א ביסל פארטייעטן פחד; אפשר פארט פירט מען דארט א בוכהאלטעריע און עס וועט זיך זיי איינגעבן אראפדינגען פון חשבון. און ווידער: אן איינשטעל אזא, טראדיציע.

— וואס איז שלעכט טראדיציע?

— עס איז אן אויסגעהוילטער ווארט, אן אינהאלט. וועלכע טראדיציע געפינסטו אין א היינטיקער שול? א געזעמל צונויפגעלאפענע יידן, וואס קוקן אין די געגליזטע מחזורים און קענען נעבעך דאס מויל נישט עפענען. און דאס רופסטו טראדיציע, דאס הייסט ביי דיר „זיין צוזאמען מיט יידן". איך האב אזא שייכות צו די יידן אין שול, ווי זיי האבן א שייכות צו מיר. ווען איך באגעגן זיך מיט א היימישן גוי האבן מיר ביידע מער טראדיציאנעלע שייכות; אפילו אין זיין פיינטשאפט, אדער גאר רציחה צו מיר, האט זיך געשפיגלט מיין יידישער טראדיציע — גורל. אבער די פנימער פון די יידן אין שול זענען מיר פרעמד, ווי מיר וואלטן געהערט צו באזונדערע פלאנעטן.

— די צייטן האבן זיך געביטן. דאס פנים פון אברהם אבינו וואלט דיר אויך געווען פרעמד.

— נישט אמת. אין מיין פארשטעלונג האבן מיינע זיידעס אויסגעקוקט ווי די אבות.

— נאציאנאלע טראדיציע מיינט די פארבינדונג פון דורות דורך פאליקס — ווערטן און איינגעשטעלטע אינהאלטס — פארמען, ווי למשל די תפילות, זייערע ווערטער און זייער ניגון.

— אז איך גיי אמאל אריין אין א בית המדרש אויף א שעה, פארגייט מיר דער אפעטיט צו קומען ווידער אויף א יאר. אין בית המדרש איז געווען הארציקע ווארעמקייט, אבער היינט, דא, ווייעט א קאלטער ווינט, ווי אויפן אייז — ים. מיינע קינדערשע ראש השנה — יום כפור׳ס זענען געווען איינגעטוליעט אין זיסן פחד. דער זיידע פלעגט מיך ווארעמען אין זיין טלית און קיטל און טייטלען מיטן ציטערדיקן פינגער אין מחזור, „זאג" — ווען דער זאגער איז אלט געווען 6־7 יאר. און מיינע ישיבהשע ימים נוראים׳ס — ווער קען זיי פארגעסן. אין די טעג איז געווען די ישיבה ווי א וואלד אין שטורעם. איך ווייס נישט אויב דו געדענקסט יחיאל מאזיקער. איך געדענק אים. א גאנצן יום כפור פלעגט ער נישט עפענען די אויגן. און זיינע ליפן, דינע, פארשניצטע, האבן זיך באוועגט גיך, ווי די רעדער פון אן איילנדיקער באן, און דאך פלעגט ער אויסשטיין שמונה עשרה דער לעצטער און בלייבן צו קורץ מיטן טאג. און דער בודאפעסטער בחור. ער פלעגט דאווענען ביי איינעם פון די סלופעס, וואס זענען געשטאנען אין דער לענג פון ישיבה. און אז ער פלעגט זיך שאקלען, פלעגט זיין שטערן אנקלאפן דעם סלופ. א שאקל און א קלאפ, א שאקל און א קלאפ. און הלל שאוולער, דער אינטעליגענט, דער שוין „וועלטלעכער", וואס פלעגט שטיין ווי א פארמירמלטע סטאטוע, אין טראנס פון תפילה, און דאס דאווענען פון „חזן" צו נעילה, דער ראש הישיבה. זיין גאנצער גוף איז געווען איינגעוויקלט אין טלית און זיין קול האט זיך געטראגן ווי פון די טיפענישן. איך זע זיי אלעמען, די הונדערטער פלאטערנדיקע פייגל אין שטורעם; איך דערמאן זיך אן זיי גאר באזונדערס ווען עס קומען די טעג פון ימים נוראים און איך גיי אריין אין א שול און וויל הערן זייער ניגון, מיך טאטנס שטילן קרעכץ, זען דעם זיידנס הייסע טרער.

— דו ווילסט צופיל.

— און דו — באגנוגנסט זיך מיט גארנישט. אויב נישט א לעבעדיקער „טאטע אין הימל", נישט קיין היילי־קער ציטער, נישט טראדיציע און נישט אונדזערע יידן, טא צו וואס גייסטו אין שול?

— וואס זאל איך טאן? פונקט ווי דו געהער איך דאך אויך צו יענער פארשווּנדענער וועלט, און ווען עס קומען אן די טעג, ווען יענע וועלט האט אַרויס־געשטראלט, האב איך זיך נישט ווו אהינצוטאן. דער ניגון פון יענע טעג, איינגעהילט אין שטילן טרויער, גייט מיר נאך, זינגט און וויינט אין מיר, ווי א דיבוק, זוי איך וואלט געווען זיין לעצטער לעבעדיקער אנהאלט.

— טא פארוואס בלייבסטו נישט מיט זיך און מיטן ניגון אין שטוב; גיי ארויס אין פעלד, אין וואלד, און רוף צונויף אונדזער פארשווּנדענע וועלט, און דאווען מיט זיי, רייד מיט זיי, זינג מיט זיי, וויין מיט זיי!

— איך טו אזוי. אבער איך וויל זיין אין די טעג אויך מיט לעבעדיקע יידן, וואס ווי אנדערש זיי זענען,

לוי שאַליט

# אַ דיאַלאָג אַזאַ

אַלע יאָר, ווי עס דערנעענטערט זיך ראש השנה, קומט ער מיר באַזוכן, ווייזט אויס אַז דאָס שאַלן פון שופר, וואָס דאַרף פאַרטרייבן דעם שטן, דערמאָנט אים אַז ער דאַרף מיך אָפּשטאַטן אַ וויזיט. מיט די יאָרן ווערט ער עלטער, ווי אַלע מענטשן, זיינע רייד ענדערן זיך נישט — אין אינהאַלט. זייער טאָן אָבער ענדערט זיך יאָ. איך געדענק זיין ערשטן וויזיט, באַלד נאָך דער מלחמה. דאַן זענען די רייד זיינע געווען מיט ביטערניש, וואָס האָבן זיך איבערגעבראָכן אין פאַר־צווייפלונג. אין די לעצטע יאָרן איז ער געלאַסענער. זיינע טענות זענען רואיקער, באַגלייט מיט אַ דינעם סאַרקאַזם, ווי פון איינעם וואָס האָט שלום געמאַכט, אַז עס איז שוין נישט פאַר אים צו ענדערן עפּעס. פונ־דעסטוועגן קומט ער, אין אַט דער צייט פון יאָר, און פירט מיט מיר זיין וויכוח, מיט די זעלבע הין־און־הער אַרגומענטן, וואָס גייען, בדרך כלל, אַזוי:

— שלום עליכם! אַן אומגעבעטענער גאַסט, האַ?

— עליכם שלום. פונקט פאַרקערט, איך האָב דיר גרייטלעך דערוואַרט.

— נו, האָסט זיך שוין באַזאָרגט אַ „שטאָט" אין שול? עס הייבט זיך דאָך אָן באַלד דער יריד.

— נאָך אַלץ די אַלטע ביטערניש? פירסט נאָך מלחמה מיט גאָט?

— נישט פאַר מיינע כוחות צו פירן מיט אים מלחמה. אויף דעם דאַרף מען א באַרדיטשעווער צדיק. ער האָט אים געקענט אַריינזאָגן.

— אויף דעם דאַרף מען אמונה.

— אָן אמונה איז נישט שייך זיך צו שלאָגן.

— אָבער פאַרוואָס גאָר זיך אַמפּערן, פאַרוואָס נישט אַביסל הכנעה?!

— הער אויף, וועסט מיך באַלד אַרויסברענגען פון די כלים, איך האָב פיינט די שמן זיתדיקע רייד.

— ווייל מיר זענען בעלי גאווה און מיינען אַז אונדז קומט מיר זאָלן אַלץ פאַרשטיין.

— אַז מען פאַרשטייט נישט טוט מען נישט. נישט גיי אין שול און נישט לעסטער — נייטראַל.

— מענטש דאַרף אָבער אַן אָנהאַלט.

— אַ שטעקן!

— זאָל זיין אַזוי, אַ גייסטיקן שטעקן.

— נאָך מיידאַנעק, נאָך טרעבלינקע?!

— איצט נאָך מער.

— דעם זעלבן שטעקן, וואָס האָט אַריינגעשטופּט אין קאַלך אויוונס זעקס מיליאָן פון די, וואָס האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָן אים!

— שוין ווידער די אַלטע טענה?

— און דו ביסט שוין ווידער אָן אַן ענטפער.

— וואָס פאַר אַן ענטפער איז דאָ, קען זיין, אויף דעם? אָבער מיר דוכט, אַז מען דאַרף נעמען דעם ענין טיפער.

— אַזוי טיף ווי דער אָפּגרונט פון יידישן אומקום.

— רעדסט מיט ביטערניש. מיינסט אַז דו איינער ביסט דער שומר פון יידישן טרויער.

— ווייט דערפון, איך בין נישט בעסער און נישט אַנדערש, אָבער מיך עגבערט. איך וויל כאָטש צו אי־מיצן האָבן מיין בלוטיקע טענה, און צו וועמען, אויב נישט צו א י ם!

— אפשר איז די געטלעכקייט גאָר איבער אַלע אונדזערע באַגריפן פון גוטס און שלעכטס, פון רעכט און אומרעכט.

— פּלאַטאָ? דער רמב"ם? שפּינאָזאַ? ווער דרשנט עס איצט אַרויס פון דיר? פון ווען ביסטו עס געוואָרן אַזאַ קאַלטער פילאָזאָף? אין דיין חדר האָט מען עס געלערנט? אַ ייד רופט גאָט ט אַ ט ע, יידישקייט איז האַרציקייט. יידן האָבן נישט תפילה געטאָן צו אַ גאָט וואָס איז „איבער" גוט און שלעכט. משיג זיין גאָט, פאַרשטיין די געטלעכקייט איז איבער אונדזערע כוחות, אָבער ער דאַרף זיין, ער איז, לויט יעדערנס השגה. אויב דאָס אויך נישט איז...

— איז קענסטו נישט האָבן קיין טענות, און דיר ווילט זיך דווקא שלאָגן מיט אימיצן.

— איך שלאָג זיך מיט זיך.

— און פאַרשפּילסט.

— איך קום אַרויס אַ גע׳נזקטער, אַ צעבראָכענער.

— נישטאָ קיין גאַנצערע זאַך ווי אַ צעבראָכן האַרץ, האָט געזאָגט אַ חסידישער רבי.

— איז מיר דאָך גוט און ווויל.

— אָן סאַרקאַזם. דיר ווילט זיך אַ גאָט צו וועלכן מען זאָל קענען וואַרפן שטיינער.

— מיט וועלכן מען זאָל זיך קענען אויסטענהן אין משפּט.

— דאָס איז פרימיטיוו, אַ חקרן פון הינטערן בית המדרש איוון.

— און דו, הייסט עס, פאַרשטייסט שוין געטלעכ־קייט אויף אַ העכערן אופן.

— עס איז גאָר נישט אומבאַדינגט נייטיק זיך

---

איז זייער סענסיטיוו אין דער פראַגע פון ראַסיזם. דער־פאַר פאָדערט זיך אַ באַגרינדעטע אויפקלערונג מיטן ציל אויפצודעקן דעם ראַסיסטישן פּרצוף פון הייַנטיקן סאָ־וויעטישן רעזשים. ס׳איז דער געבאָט פון דער שעה, פאַר דעם וועלט יידנטום צו פאַרשפּרייטן אין דער גאַנצער וועלט א קול קורא, וואָס באַשולדיקט דעם סאָוויעטישן רעזשים קלאָר און דייטלעך אין ראַסיזם... וואָס מיר פאַרלאַנגען איז מענטשן רעכט, רעכט פאַר עמיגראַציע פאַר יידן, וואָס ווילן עמיגרירן, גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, אָפּשאַפן די ראַסיסטישע דיסקרימינאַציעס קעגן יידן.

סענאַטאָר דזשעקסאָן, נישט האָבנדיק קיין גרויסן צוטרוי צו ברעזשניעווס הבטחות, האָט אַריינגעטראָגן אַן אויסבעסערונג צום אַמעריקאַנער האַנדלס־געזעץ. די אויסבעסערונג האָט פאַרבונדן די האַנדלס קאָנצעסיעס מיט דאָס רעכט פון בירגער צו עמיגרירן, אָן שיקאַנעס. סענאַטאָר דזשעקסאָן האָט נישט אָנגערופן רוסלאַנד ביים נאָמען, אָבער זיין אויסבעסערונג כאָטש אַלגעמיין אין כאַראַקטער האָט געצילט צו פאַרזיכערן די פּראַקטישע אויספירונג פון ברעזשניעווס הבטחות — אָפּצושאַפן די דיסקרימינאַציעס און שיקאַנעס אין פּראָצעס פון יידישער עמיגראַציע.

די רוסן האָבן געשטורעמט, אַז דזשעקסאָנס אויסבעסערונג איז אַ פּרוּוו זיך אַריינצומישן אין „די אינערלעכע ענינים פון סאָוויעט רוסלאַנד". קיסינדזשער איז געווען באַזאָרגט, אָבער נאָך אַ קאָנפערענץ מיט ברעזשניעוון האָט ער אין דעצעמבער 1974 פאַרזיכערט דעם סענאַט, אַז סאָוויעט רוסלאַנד האָט אַקצעפּטירט די דזשעקסאָן אויסבעסערונגען.

לײדער איז פון דעם גאַנצן עסק גאָרנישט געוואָרן. דער האַנדלס און קרעדיט אָפּמאַך איז שפּעטער אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך סאָוויעט רוסלאַנד צוליב אַן אויסבעסערונג צום האַנדלס אָפּמאַך גופא, אַריינגעטראָגן דורך סענאַטאָר סטיווענסאָן, וואָס האָט באַגרענעצט די קרעדיטן ביז צו אַ לעכערלעכער סומע... פאַר סאָוויעט רוסלאַנד, די צווייטע גרעסטע וועלט־מאַכט — צו 300 מיליאָן דאָלאַר. טראָץ דעם האָט ברעזשניעוו מסכים געווען צו אינקאָרפּערירן אין דעם העלסינקי אָפּמאַך (יולי 1975) אַ ריי פּאַראַגראַפן לטובת דער יידישער עמיגראַציע און צווישן אַנדערע, אַז די אָפּצאָלונגען פאַר אַ וויזע וועלן זיין מעסיקע.

גלייכצייטיק האָבן די רוסן אַלס פּראָטעסט רעדוצירט די יידישע עמיגראַציע צו אַ העלפט (15.000 אַ יאָר) פאַר די נאָענטסטע דריי יאָר. אָבער אין יאָר 1979 איז די עמיגראַציע געשטיגן ביז אַ דורכשניט פון 4.000 אַ חודש אַן ערך 50,000 פאַרן יאָר 1979.

לויט מיין מיינונג באַשטעטיקן די דאָזיקע ציפערן, אַז דער סאָוויעטישער רעזשים וויל פּטור ווערן פון די יידן און וועט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם נישט „לאָזן זיך אַראָפּפירן פון וועג" ווען עס געלינגט זיי נישט צו פאַרבינדן דעם ענין פון עמיגראַציע מיט אַ גוטן געשעפט.

אויב ס'האָט נאָך ווער אַ צווייפל, אַז די סיבה פון וועלן פּטור ווערן פון די יידן איז אַ ראַסיסטישע, האָט דאָס קלאָר און דייטלעך באַשטעטיקט דער סאָוויעטישער אידעאָלאָג וולאַדימיר בעגון. אויף דער פראַגע „וואָס איז די צוקונפט פון די יידן? אַסימילאַציע?" האָט ער געענטפערט: „איך גלויב נישט אין אסימילאַציע. ס'וועט תמיד פאַרבלייבן עפּעס יידיש אין יעדן ייד"... („פּאַריען אַפּעירס" 1979, זייט 80).

★

סאָלזשעניצין האָט אַמאָל דערקלערט, אַז קאָמוניסטישע אידייען זענען אַן ענין מיט וועלכן ס'באַשעפטיקן זיך אינטעלעקטואַלן אין דער מערב־וועלט. אין סאָוויעט רוסלאַנד גלויבט קיינער נישט אין קאָמוניסטישע אידייען...

דער „טיים" מאַגאַזין פון 23־טן יוני 1980, אין אַ ספּעציעלער אויסגאַבע געווידמעט דעם ראַטנפאַרבאַנד שטרייכט אונטער, אַז די הייַנטיקע סאָוויעטישע פירער זענען די אַממיינסט קאָנסערוואַטיווע אין דער וועלט. זייער שטיצע פאַר רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין דער וועלט האָט נישט קיין שום שייכות מיט אידעאָלאָגיע. דער ציל פון שטיצן די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין דער וועלט איז צו אונטערמינירן די גלייכגעוויכט פון די רוסישע שונאים („קיפּין אָף באַלאַנס).

פרעגט זיך די אייביקע שאלה: איז דאָס גוט פאַר יידן אָדער שלעכט פאַר יידן?

לײדער איז די תשובה, אַז ווען די סאָוויעטישע פירערשאַפט וואָלט געגלויבט און זיך געהאַלטן אין די קאָמוניסטישע אידייען וואָלט די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע זיך נישט געקאָנט אַראָפּקייקלען צום ראַסיסטישן מיסט פון אלפרעד ראָזענבערג.

די סכנה וואָס שטייט פאַרן רוסישן יידנטום איז גרויזאַם. הייַנט צו טאָג גייט נאָך אָן די עמיגראַציע מיט שיקאַנעס.

נעמענדיק אין באַטראַכט די בולטע ראַסיסטישע אַנטי־יידישע פּאָליטיק קאָן געמאָלט זיין אַז די הייַנטיקע עמיגראַציע איז נאָר די ערשטע פאַזע אינעם פּראָגראַם פּטור צו ווערן פון די יידן.

היות נישט אַלע יידן ווילן און וועלן עמיגרירן, שטעלט זיך די פראַגע: ווי וועט אויסזען די צווייטע פאַזע?

דורכן שליסן די טויערן פון די אוניווערסיטעטן און טעכניש־וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן פאַר יידן, האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון רעדוצירן די יידן צו די אָרעמסטע שיכטן פון שוואַרצע אַרבעטער. די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגן וועלן אַנטדעקן, אַז אויך אין די דאָזיקע טראָגן די יידן דעם געניטישן ווירוס, וואָס פאַרסמט די אַטמאָספער...

די סאַטעליטן לענדער פון סאָוויעט־רוסלאַנד, וויעטנאַם און קובאַ האָבן באַוויזן, ווי אַזוי קאָמוניסטישע רעזשימען ווערן פּטור פון „נישט געווונטשענע עלעמענטן"...

אין די אויגן פון סאָוויעטישן רעזשים זענען די יידן ערגער ווי „אייגענע" נישט געווונטשענע עלעמענטן, זיי זענען „פרעמדע", „דאָס יידישע בלייבט תמיד ביי יעדן ייד".

וועט די דריטע פאַזע זיין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער אָדער דעפּאָרטאַציע?...

ס'איז נישט אין די אינטערעסן פון די יידן צו נעמען אַן אָנטייל אין דעם אַלגעמיינעם געראַנגל צווישן דער מערב וועלט און סאָוויעט רוסלאַנד. מיר האָבן נאָר איין אינטערעס: צו העלפן די יידן אין סאָוויעט רוסלאַנד.

דער סאָוויעטישער רעזשים אָטעמט מיט דעם שקר פון פּראָפּאַגאַנדע, אָבער די קאָמוניסטישע אָנפירערשאַפט

היות די ייִדישע ראַסע איז רעאַקציאָנער צוליב דער דאָזיקער גענעטישער קראַנקהייט האָט די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַשלאָסן צו „קאַריגירן" די „רעאַקציאָנערע פּאָליטישע אַטמאָספער" דורך פאַרטרייבן פון פּוילן די רעשטלעך פון די ייִדן, אײַנשליסלעך די קאָמוניסטן פון ייִדישער אָפּשטאַמונג (1969).

וויליאַם קאַרעי, שטיצנדיק זיך אויף די קוואַלן פון פּוילישע קאָמוניסטישע דיסידענטן, וואָס האָבן דעמאָלט געאַרבעט אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, באַהויפּטעט אַז דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער סאָוויעטישער פּאַרטיי אין מאָסקווע האָט „באַשטעלט" די „וויסנשאַפטלעכע" אָפּהאַנדלונג ביי דעם פּוילישן אידעאָלאָג אַנדזשעי ווערבלאַן.

אויב מען פאַרבינדט די דאַטע פון ווערבלאַנס אָפּהאַנדלונגען (1968) מיט אַנדרעי סאַכאַראָווס באַשולדיקונג (אין דער זעלבער צייט) אַז די סאָוויעטישע אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן האָט אָנגענומען אַן אַנטיסעמיטישע שטעלונג אין באַצוג צו נייע מיטגלידער קאַנדידאַטן — ווערט בולט דער צייט־פאַקטאָר ווי אויך די סיבות פון דעם נייעם כאַראַקטער פון סאָוויעטישן אָפּיציעלן אַנטיסעמיטיזם.

די 6־טאָגיקע מלחמה, ציוניזם, זענען נאָר א שלייער צו פאַרדעקן דעם אמת. דער אמת איז, אַז דער סאָוויעטישער רעזשים באַטראַכט די ייִדישע ראַסע (ייִדן, ייִדישע קאָמוניסטן און אַפילו רוסן פון ייִדישער אָפּשטאַמונג) אַלס גענעטיש קראַנק אויפן געביט פון ליבעראַליזם, רעפאָרמיזם, נאַציאָנאַליזם, וואָס דאָס אַלץ הייסט רעאַקציאָניזם.

היות די דאָזיקע גענעטישע קראַנקהייט שווימט אויף אין אוניווערסיטעטן און קולטור אַנשטאַלטן, ווו ס'קאָנצענטרירן זיך מענטשן פון ייִדישער אָפּשטאַמונג און די קראַנקהייט איז אויך אַנשטעקנד — מוז דאָס „קאַריגירט" ווערן...

אָט אַזוי האָט די קאָמוניסטישע דיאַלעקטיק דורכגעמאַכט אַן עוואָלוציע פון מאַרקס און ענגעלס ביז... אַלפרעד ראָזענבערג....

פּראַקטיש האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי נישט באַדאַרפט באַמיען דעם פּוילישן אידעאָלאָג אַנדזשעי ווערבלאַן. היטלערס אידעאָלאָג אַלפרעד ראָזענבערג האָט אין זיינע צוויי ווערק „די שפּור דער יודען אים וואַנדעל דער צייט" און „דער מיטאָס דעס 20 יאָרהונדערט" „וויסנשאַפטלעך" אויפגעוויזן די זעלבע גענעטישע קראַנקהייט פון דער ייִדישער ראַסע: אַ קראַנקהייט פאַר ליבעראַליזם, רעפאָרמיזם, אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם און... באָלשעוויזם. דערפאַר האָט ער צווישן די גענעטיש קראַנקע אויף דעם ערשטן פּלאַץ אַוועקגעשטעלט מאַרקס און ענגעלס.

★

וואָס זענען די אויסזיכטן פון רוסישן ייִדנטום? אין ליכט פון די ביזאַיציקע אויספירונגען קאָן מען ליכט פאַרשטיין, אַז דער סאָוויעטישער רעזשים האָט אין 1971 אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון ייִדישער עמיגראַציע, נישט צוליב אַ ליבעראַליזאַציע פון דעם סאָוויעטישן סיסטעם, נאָר בכדי פּטור ווערן פון די ייִדן, וואָס טראָגן אין זיך א גענעטישן ווירוס פאַר ליבעראַליזאַציע. די אידיי איז וואַרשיינלעך פּטור ווערן פון אַלע ייִדן, אָדער לכל הפּחות צו „קאָריגירן" די ייִדישע קאָנצענטראַציעס ווי וויט מעגלעך. ביז הייַנט האָבן אַן ערך דריי־הונדערט טויזנט ייִדן עמיגרירט. אַן ערך דריי הונדערט „אַפּידייווידס" געפינען זיך אין די הענט פון די, וואָס וואַרטן אויף וויזעס.

פרעגט זיך: אויב די סאָוויעטן ווילן פּטור ווערן פון די ייִדן, פאַרוואָס בלאָזן די „קאַלט און וואַרעם" און מאַכן שוועריקייטן?

די סיבות זענען וואַרשיינלעך אינערלעכע; סאָציאַלעקאָנאָמישע און אויסערלעכע.

אַכט און זעכציק פּראָצענט פון אַלע ייִדן זענען ספּעציאַליסטן, זיי זענען נאָך הייַנט צוטאָג די עליטע אין דעם טעכנאָלאָגישן קלאַס. די רוסן האָבן זייערע פּריאָריטעטן — ווערן פריער אַרויסצושיקן און וועמען שפּעטער און זייערע פּריאָריטעטן פאַלן נישט צוזאַמען מיט די פּריאָריטעטן פון די ייִדן. ייִדישע עלטערן וואָס זייערע קינדער ווערן נישט אָנגענומען אין די אוניווערסיטעטן ווילן נישט וואַרטן. אַ חוץ דעם קומען צום אויסדרוק אָפענע אַנטיסעמיטישע שיקאַנעס פון די ביוראָקראַטישע עטאַלאָנען, און די אינסטאַנצן, וואָס באַהאַנדלען וויזעס.

אַ צווייטער פאַקטאָר איז דער ווילן צו באַשטראָפן די אַקטיוויסטן. דער ציל פון דער שטראָף אַקציע איז וואַרשיינלעך צו שיקאַנירן און אָפּשרעקן די רוסישע דיסידענטן, מיט וועלכע די ייִדישע אַקטיוויסטן שטייען אין פאַרבינדונג.

די אויסערלעכע סיבות פאַר די שוועריקייטן, וואָס די רוסן מאַכן אויפן געביט פון עמיגראַציע ליגן אין דעם, אַז רוסלאַנד וויל מיט דער ייִדישער עמיגראַציע אויך מאַכן אַ גוטן געשעפט.

אין דער ערשטער סטאַדיע פון עמיגראַציע, האָבן די רוסן געפאָדערט גרויסע סכומים געלטער פאַר יעדער וויזע (צווישן אַנדערע דאָס „צוריקצאָלן" די קאָסטן פון אויסבילדונג). דער עמיגראַנט האָט באַדאַרפט פאַרלאָזן סאָוויעט רוסלאַנד נאַקעט און באָרוועס, און די הויך־געבילדעטע, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צוזאַמענצושטעלן די אַסטראָנאָמישע סומעס, וואָס די סאָוויעטן האָבן פאַרלאַנגט פאַר זייער אויסבילדונג, האָט דאָס באַדאַרפן אָפּשרעקן פון ווענדן זיך נאָך אַן אַרויספאָר וויזע.

אין דעם שקלא וטריא פאַר דעם האַנדלס אָפּמאַך, וואָס גיט די העכסטע הנחות פאַר פּריווילעגירטע (פייווערד) לענדער, האָט סאָוויעט־רוסלאַנד, אין אַפּריל 1973 צוגעשטעלט דעם פּרעזידענט ניקסאָן אַ שריפטלעכע פאַרזיכערונג, אַז דאָס פאַרלאַנגען דעם „אויסבילדונגס שטייער" פון די ייִדישע עמיגראַנטן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

געבורט פון יידישן נאַציאָנאַליזם און ציוניסטישע טענדענצן אין סאָוויעט רוסלאַנד.

ווי זעט אויס די סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן?

נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, אין די לעצטע יאָרן פון סטאַלינס רעזשים, זענען די יידן באַזייטיקט געוואָרן פון די אָנפירנדיקע פּאָזיציעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מלוכה־וועזן; פון דעם דיפּלאָמאַטישן דינסט; אויסערן־האַנדל; מיליטערישן אַפּאַראַט און פון אַלע געביטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיכערקייט. דער כרושטשאָוו רעזשים און דער היינטיקער ברעזשניעוו רעזשים האַלטן זיך ווייטער אין דער הינזיכט ביי דער סטאַליניסטישער ליניע.

מערקווירדיק איז אָבער, אַז לויט דעם צענזוס פון 1970 ווערן 68 פּראָצענט יידן באַצייכנט אַלס „ספּעציאַליסטן". אינטערעסאַנט — ווייל נאָר 19 פּראָצענט רוסן ווערן באַצייכנט אַלס „ספּעציאַליסטן" און די רוסישע נאַציאָנאַליטעט הערשט דאָך אין דער סאָוויעטישער אימפּעריע. (מי יודע וויפל הונדערטער טויזנטער „פּאַרשטעקטע" יידן געפינען זיך צווישן די 19 פּראָצענט פון רוסישע „ספּעציאַליסטן").

אַ שפּעטערע סטאַטיסטישע ציפער פון 1971 ווייזט, אַז 11 פּראָצענט פון דער מאָסקווער וויסנשאַפטלער געזעלשאַפט — זענען יידן.

אַרויסגעשטופּט פון אָפיציעלן מלוכה־דינסט זענען די סאָוויעטישע יידן אַרויסגעשוווּמען אַלס די עליטע אויפן געביט פון טעכנאָלאָגיע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָבן זיי געקאָנט דערגרייכן, ווייל אַ דריטל פון אַלע יידן האָבן דורכגעמאַכט אוניווערסיטעט־בילדונג, בעת נאָר 4 פּראָצענט רוסן האָבן אוניווערסיטעט בילדונג. אין 1974 זענען צווישן די, וואָס האָבן דערגרייכט די העכסטע דיפּלאָמען: „דאָקטאָר פון וויסנשאַפט" געווען 14 פּראָצענט יידן.

אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט זיך לײַדער די פּאָזיציע פון די יידן ראַדיקאַל געענדערט.

די רוסן האָבן איינגעזען, אַז דער שליסל צו אָפּשליסן דעם וועג פון די יידן צו די געביטן פון טעכנאָלאָגיע און וויסנשאַפט — ליגט אין די אוניווערסיטעטן.

אין 1969 האָבן שטודירט אויף די סאָוויעטישע אוניווערסיטעטן קנאַפּע הונדערט צוועלף טויזנט יידישע סטודענטן. אין 1976 איז די צאָל געפאַלן ביז זעקס און זעכציק טויזנט. אין די פּרעסטיזש אוניווערסיטעטן ווערן היינט אָנגענומען נישט מער ווי אַ צוויי, דריי יידן און אין געוויסע אוניווערסיטעטן ווערט אַ ייד איבערהויפּט נישט אָנגענומען. אַ סאָוויעטישער אידעאָלאָג, וולאַדימיר ערשין האָט שוין אין 1970 באַרעכטיקט דאָס אַריינפירן „נומערוס קלאַוזוס" וואָס באַגרענעצט די צאָל סטודענטן, לויט דער פּראָפּאָרץ פון דער נאַציאָנאַליטעט. היות דער פּראָצענט פון יידן אין סאָוויעט רוסלאַנד איז נישט מער ווי 0.9 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, דאַרף די צאָל פון יידישע סטודענטן נישט איבערשטייגן די דאָזיקע פּראָפּאָרץ.

לויט אַן אָפּהאַנדלונג פון וויליאַם קאָרעי אין דער האַרבסט אויסגאַבע פון „פאָרעין אַפעירס" איז די צאָל יידן אין דער טעכנאָלאָגישער עליטע נאָך היינט צו טאָג פאַרהעלטנישמעסיק גרויס, אָבער דער עלטער פון די יידן איז מיט צען יאָר העכער ווי די נישט־יידן. דאָס פאַרשטייט זיך, ווייל קיין יונגע יידישע טעכנאָקראַטן און וויסנשאַפטלער קומען נישט צו.

אין דעם צוזאַמענהאַנג איז אינטערעסאַנט די רעוועלאַציע פון מעדוועדעוון, אַז לויט אַ געהיימער פּאַרטיי דירעקטיוו פון 1970 ווערן אויף „פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלן" נישט מער אָנגענומען קיין רוסן, אויב זייער פאָטער אָדער מוטער זענען יידן...

געבעלס מוז זיכער שמייכלען אין קבר...

★

ווען האָט דאָס די סאָוויעטישע מאַכט אָנגענומען אַזאַ אַנטי־יידישע ראַסיסטישע שטעלונג קעגן די יידן און וואָס זענען געווען די סיבות?

די לעצטע יאָרן פון סטאַלין רעזשים זענען געשטאַנען אונטערן צייכן פון אַרויפגעצוווּנגענער אַסימילאַציע; פאַרטיליקן די יידישע קולטור און די קולטור טוערס, בכדי צו פאַרשנעלערן דעם אַסימילאַציע פּראָצעס.

די ראַסיסטישע פּאָליטיק פון סאָוויעט רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אין 1968.

אין אַלגעמיין ווערט אָנגענומען, אַז די ראַסיסטישע ליניע איז געקומען אין קאָנסעקווענץ פון דער 6־טאָגיקער מלחמה. די דאַטע שטימט. די מלחמה האָט געהאָלפן פאַרשלייערן דעם סאָוויעטישן אַנטיסעמיטיזם מיט אַ פּראָפּאַגאַנדע אָנגריף קעגן ציוניזם. איך בין נישט איבערצייגט, אַז די 6־טאָגיקע מלחמה האָט גורם געווען אַזאַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער סאָוויעטישער שטעלונג קעגן אירע סאָוויעטישע יידישע בירגער. די דאַטע איז וואַרשיינלעך נאָר אַ צופעליקע.

לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן איז דער ווענדפּונקט געקומען אין 1968.

דער סטודענטן אויפשטאַנד אין פּוילן אין מערץ 1968, און די בלוטיקע אונטערדריקונג פונעם דובטשעק רעזשים אין טשעכאָסלאָוואַקיע אין 1968 האָבן אַרויסגערופן אַ באַאומרואיקונג און פּראָטעסטן אין די קרייזן פון דער מאָסקווער און לענינגראַדער אינטעליגענץ אין וועלכער יידן האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָל.

אין יוני 1968 האָט דער פּוילישער קאָמוניסט אַנדזשעי ווערבלאַן פאַרעפנטלעכט אַן אָפּהאַנדלונג אין וועלכער ער האָט „וויסנשאַפטלעך" אויפגעוויזן אַז די יידישע ראַסע איז גענעטיש גענייגט צום יידישן נאַציאָנאַליזם און ציוניזם. „די רעאַקציאָנערע פּאָליטישע אַטמאָספער" שטאַמט „פון דער קאָנצענטראַציע פון מענטשן פון יידישער אָפּשטאַמונג אין די אוניווערסיטעטן און קולטורעלע אינסטיטוציעס". ער האָט פאָרגעשלאָגן „צו קאָריגירן די נישט רעגולערע עטנישע קאָמפּאָזיציע"...

אונדזער פאָלק, איז אונדזער יוגנט. פאַרשטענדלעך — מיר מוזן דאָ אויסשליסן די ישראל־יוגנט, וואָס לעבט איר נאַטירלעך לעבן אין די ראַמען פון אַ מדינה — און במלא — מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון דער מדינה. מיר רעדן דאָ פון א יידישער יוגנט, וואָס ווערט אָפּגעריסן פון פאָלק, אַזוי שנעל ווי זי וואַקסט נאָר אונטער.

עס איז גענוג איבערצוחזרן בלויז עטלעכע פאַקטן, וועלכע זענען באַקאַנט פון דער פּרעסע.

„אין אַ שמועס וועגן יוגנט, האָט א באַקאַנטער רב דערקלערט, אַז אין אינדיע, אין קאַטמאַנדו, געפינען זיך צוואַנציק טויזנט (20 טויזנט!!!) יידישע בחורים און מיידלעך, וועלכע זענען פאַרגלויבט אין אַ רעליגיעזער סעקטע און אירע פירער".

„אַ יידיש מיידל, אַלעקסאַנדראַ, איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער אַרגענטינער פּאָליציי, באַשולדיקט אין געהערן צו אַ לינקער אָרגאַניזאַציע, „יוגנט פאַר גערואַראַ" (דאָס מיידל איז אין תפיסה — לויט די דערקלערונגען פון אירע עלטערן — דערמאָרדעט געוואָרן).

אַט האָבן מיר זיך דערוואַרט, אַז אויף דער ירושלי־מער קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור האָט זיך באַוויזן אַ יונגער שטערן, נישט נאָר מיט אַ פיינעם יידיש לשון, נאָר מיט אַן איבערגעגעבענעם גלויבן אין העלפן אויפהאַלטן און פאַרשפּרייטן יידיש. ווי לאַנג האָט געדויערט אונדזער פרייד און האָפענונג?

נאָך דער קאָנפערענץ איז דער אויפגייענדיקער שטערן איינגעלאַדן געוואָרן אויף א ציקל לעקציעס דורך דער דרום־אַפריקאַנער יידישער קולטור־פעדעראַציע. נאָר די וואַרעמע אויפנאַמעס, נאָך די גרויסע האָפענונגען, איז זי צוריקגעקומען קיין אַמעריקע און אַרויסגעטראָגן א פּסק דין: דרום־אַפריקאַנער יידן זענען ראַסיסטן!

אין אונדזער לאַנגער געשיכטע האָבן מיר נאָך נישט געהאַט אַזאַ פּעריאָד ווי איצט, ווען די יוגנט איז דורכ־געדרונגען מיט אַזוי פיל זעלבסט־האַס; ווען די יוגנט לויפט צו פּאָליטישע געטער, וועלכע זענען פיינטלעך איינגעשטעלט לגבי דעם יידישן פאָלק און איר מדינה.

געוויס — מען קאָן אויפווייזן, אַז אין די בעסטע צייטן זענען יידישע בחורים און מיידלעך געווען אין די אָנפירנדיקע קאַדרען פון רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. אין יענע יאָרן האָבן מיר אָבער אויך געהאַט א יוגנט, וואָס האָט זיך אידענטיפיצירט מיטן פאָלק. געפונען זיך אין די פאָדערשטע רייען אין קאַמף פאַר די פאָלקס־אינטערעסן.

היינט איז דער וועג אין איין ריכטונג: אַוועק פון פאָלק. די, וועלכע גייען נישט אַוועק, זענען אָבער גלייכ־גילטיק צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער יידישער געזעלשאַפט.

אַלץ וואָס מיר קאָנען טאָן איז: פעסטשטעלן דעם טרויעריקן פאַקט, זיך אַליין באַדויערן און צוקוקן זיך, ווי אונדזערע וואַרצלען דאַרן.

מ. א.

ד"ר מ. פערשטענדיק

# דאָס סאָוויעטישע יידנטום

נאָכן סאָוויעטישן צענזוס פון 1970, האָט דער היס־טאָרישער אַנאַליטיקער ראַי מעדוועדעוו פאַרעפנטלעכט אין „סאַמיזדאַט" אַן אָפּהאַנדלונג, אין וועלכער ער פאַרטיילט דאָס סאָוויעטישע יידנטום אין דריי גרופּן:

די גרעסטע צאָל יידן „באַטראַכט זיך אַלס רוסן". די צווייט גרעסטע גרופּע וואָלט גערן קולטיווירט זייער נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט, זייער שפּראַך, קולטור; און די רעליגיעזע — זייער רעליגיע.

די אויסזיכטן פאַר דער דאָזיקער גרופּע זענען זייער שוואַכע, ווייל עס פעלן די מיטלען פאַר פּרעזערווירן די יידישע אידענטיטעט.

די אַרויפגעצווונגענע אַסימילאַציע — זייט 1948, דאָס פאַרניכטן פון אַלע עטניש־קולטורעלע אינסטיטור־ציעס, די עקזעקוציעס פון די יידישע שרייבער און קול־טור טוער; דאָס שליסן פון א יעדן סאָרט פון יידישן שולוועזן, האָבן רעדוצירט די שאַנסן פאַר זעלבסט־ אי־דענטיפיצירונג. והא ראיה: פונעם צענזוס אין 1960 ביז צום צענזוס אין 1970 האָט זיך אָפיציעל פאַרקלענערט די צאָל יידן מיט מער ווי הונדערט טויזנט. פון 2 מיליאָן 268 טויזנט ביז 2 מיליאָן 150 טויזנט. לויט אַן אָביעקטיווער אָפּשאַצונג זענען פאַראַן קנאַפּע דריי מיליאָן יידן אין סאָוויעט רוסלאַנד. ווייזט אויס, אַז הונדערטער טויזנטער יידן האָבן פאַרטושט זייער יידישע נאַציאָנאַ־ליטעט. די ציפער דריי מיליאָן יידן איז אָפיציעל באַ־שטעטיקט געוואָרן דורך אַלעקסעי קאָסיגין אויף א קאָנפערענץ אין שטאָקהאָלם — אין אַפּריל 1973, ווי אויך דורך דעם רוסישן פאָרשטייער אינעם זיכערקייטס־ראַט י. מאַליק. נאָך גרעסער איז די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע. נאָר 17.7 פּראָצענט האָבן אָנגעגעבן יידיש אַלס זייער ערשטע שפּראַך.

ד"ר לוקאַש הירשאָוויטש, אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן יידישן קולטורעלן לעבן אין סאָוויעט רוסלאַנד (געדרוקט אין „סאָוויעט דזשואיש אַפּעירס" נ"ר 2, 1977) ציטירט די צאָל יידן, וואָס האָבן אָנגעגעבן יידיש אַלס די ערשטע שפּראַך — 381,078 און יעדן, וואָס האָט אָנגעגעבן יידיש אַלס זיין צווייטע שפּראַך 166,566. צוזאַמען איז דאָס 547,644 אָדער 26.4 פּראָצענט פון דער צאָל יידן, וואָס האָבן אָנגעגעבן „יידיש" אַלס זייער ערשטע און צווייטע שפּראַך.

די דריטע גרופּע, לויט מעדוועדעוון זענען די יידן „וואָס ווילן עמיגרירן און באַזעצן זיך אין ישראל". „די דאָזיקע גרופּע איז קליין, אָבער זייער צאָל וועט שטייגן צוליב דעם סאָוויעטישן אַנטיסעמיטיזם". (שוין דאַן פאַ־רויסגעזען), מעדוועדעוו באַטאַנט, אַז דער סאָוויעטישער אַנטיסעמיטיזם איז דער הויפּט פאַקטאָר אין דעם ווידער־

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראריש־געזעלשאפטלעכע אויסגאבע

אדרעס פון רעדאקציע: “KADIMAH”, 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

סעפטעמבער־אקטאבער 1980 נומער 4 (24) מעלבורן, אויסטראליע

## ירושלים

די געזעצגעבערישע קערפערשאפט פון מדינת ישראל — די כנסת, האט ענדלעך נארמאליזירט דעם צושטאנד פון דער שטאט ירושלים, דורך באשטעטיקן יורידיש אז ירושלים איז איין אומצעטיילבארע שטאט, און איז די הויפטשטאט פון ישראל.

דער פאקט פון א פאראייניקט ירושלים האט עקזיסטירט זינט 1967, ווען דער טייל שטאט איז באפרייט געווארן פון די ירדנישע אקופאנטן, וועלכע האבן זיך דארט באפעסטיקט אין יאר 1948, איידער דאס ירדנישע מיליטער האט פארכאפט דעם מזרח־טייל פון שטאט און דארט אויפגעשטעלט א גרענעץ־וואנט — איז ירושלים געווען איין שטאט.

עס זענען דא שטימען וואס פרעגן: צי איז דווקא אין דעם שווערן פאליטישן מאמענט נויטיק געווען אנצונעמען אזא געזעץ? מען האט זיך דאך געקאנט האלטן ביי דעם סטאטוס קווא; אריינטשייטן און אויסטייטשן די לעגאלע לאגע פון מזרח־ירושלים; פעלן אונדז אויס שונאים? דארף מען נאך מער אויפרודערן די עפנטלעכע מיינונג?

די דאזיקע שטימען זענען א רעזולטאט פון א פעסימיסטישער איינשטעלונג; פון נישט גלויבן אין די אומאפהענגיקע רעכטן וואס געהערן א פאלק, א מדינה — און א שטאט.

דאס דאזיקע געזעץ וועט איינמאל פאר אלע מאל געבן א ריכט־ליניע אין די פארהאנדלונגען וועגן אויטאנאמיע פאר די פאלעסטינער, אויב אזעלכע פארהאנדלונגען וועלן נאך זיין. די עגיפטער וועלן דאן האבן א קלארן טיש, און אויפהערן ארויסרוקן אומנויטיקע ארגומענטן. עס וועט פאר זיי זיין פארשטענדלעך, אז די פראגע ירושלים קאן מער נישט שטיין אויפן טאג־ארדענונג, און מען קאן דעם ענין מער נישט דיסקוטירן.

די לאגע פון ישראל וועט זיך דורך דעם נישט פארערגערן, און אירע פריינד וועלן סוף כל סוף מוזן אקצעפטירן די לעגאליטעט פון דעם באשלוס.

פארשטענדלעך — די אראבער זענען געווארן אויפגעבראכט וועגן דעם געזעץ; זיי זענען געווען אויפגעבראכט אויך אן דעם באשלוס...

עס קלינגט אבער מאדנע די דערקלערונג פון אמעריקע, אז זי איז אומצופרידן מיט דעם באשלוס. עס איז זייער מעגלעך, אז דער אמעריקאנער סטייט דעפארטמענט, וועלכער דירעגירט מיט אמעריקעס פאליטיק, האט א שלעכטן געוויסן, און וויל פארגעסן איר אייגענע האנדלונג ביים דערלויבן די רוסן אויפצושטעלן די בערלינער וואנט. אין קיין שום צווישנפעלקערישן אפמאך איז נישט געווען אזא פאראגראף וואס גיט איינעם פון די אלירטע דאס רעכט צעטיילן די שטאט בערלין — דורך א וואנט. די דאזיקע וואנט איז א מאנומענט צו דער אמעריקאנער נישט העצידירטקייט אין וועלט־פאליטיק און דאס ברענגט איר נישט קיין כבוד.

מען קאן זיך פארשטעלן, ווי עס טראכטן די באאמטע פון סטייט־דעפארטאמענט: אויב מיר — אמעריקאנער — האבן געקאנט דערלויבן די רוסן אויפשטעלן א וואנט, איז ווער זשע איז עס ישראל, וואס זאל זיך אנטקעגנשטעלן די אראבער, וואס וועלן ווארשיינלעך אויך אויפשטעלן א וואנט, וואס זאל אפגרענעצן מזרח־ירושלים?

די דאמינא־טעאריע איז ביז גאר קאנטיק אין די דורכפאלן פון אזא פאליטיק; וואלט נישט געווען די בערלינער וואנט, וואלטן אפשר שפעטער נישט געווען די מלחמות אין קארעע און וויעטנאם; וואלטן נישט געווען די ערובניקעס אין איראן, און דער אויל־קריזיס פון וועלכן די וועלט לײַדט.

עס איז צייט, אז אמעריקע זאל אויפהערן צו האלטן פאריסן דעם קאפ: איך — אמעריקע, און זען די לאגישע און אנטשלאסענע האנדלונגען פון קליינע מלוכות.

יידן אין דער וועלט דארפן באגריסן די ישראלים פארן מוט, און אנטשלאסנקייט, וואס די האבן ארויסגעוויזן אין אננעמען דעם דעצידירנדיקן באשלוס. ירושלים — ווי יעדער אנדער שטאט אין דער וועלט — קאן נישט ווערן צעטיילט. עס מוז בלייבן איין שטאט, וואס איז די הויפטשטאט פון מדינת ישראל.

## אונדזערע ווארצלען דארן איין...

אין א טראפן — זענען מיר געוויינט צו זאגן — שפיגלט זיך אפ דער ים. לאמיר פרובירן דעם געדאנק ציען ווייטער און זאגן: אין דער טראגעדיע פון א יחיד, שפיגלט זיך אפ די טראגעדיע פון א פאלק. די טראגעדיע פון

C.B.A BANK

# THE CBA

The Commercial Bank of Australia Limited

*The CBA extends greetings to all Jewish Clients and the whole Jewish community on the occasion of the Jewish New Year 5741.*



# DAVID KEYS DISTRIBUTORS

REGISTERED OFFICE

**522 CHURCH STREET RICHMOND, 3121**

**P.O. BOX 171, RICHMOND, 3121**

*Our firm wishes all our Clients a Happy and Prosperous New Year.*

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאַלט:


מ. א. — ירושלים; אונדזערע וואָרצלען דאָרן איין... . . . . . 1

דר. מ. פערשטענדיק — דאָס סאָוויעטישע יידנטום . . . . . . . . . . 2

לוי שאַליט — אַ דיאַלאָג אַזאַ . . . . . . . . . . . . . . . 6

ד"ר עזריאל נאַקס — דעם פויפסטס באַזוך אין אמעריקע . . . . . . . . 8

ישראל בערקאָוויטש — דער נישט פאַרגינער (ליד) . . . . . . . . . . 10

מעם; יוסף קערלער — צום אָנדענק פון די יידישע שרייבער — אומגעבראַכטע אין סאָוויעט-רוסלאַנד . . . . . . . . . . . 11

י. מ. לעווין — קדיש ווילט זיך זאָגן... (ליד) . . . . . . . . . 12

חיים מאַלטינסקי — ליד . . . . . . . . . . . . . . . 12

פ. נאָוויק — די געפאַר „אַנטי-ציוניזם" . . . . . . . . . . . 13

י. מ. ל. — איז אויפשטייג פון וויסנשאַפט די ירידה פון מאָראַל ? . 14

יהודה סבוראי — דער פאַרשאָלטענער בוים (פאָעמע); יידיש: פ. רינגעלבלום . 16

י. אָרבאַך — מיניאַטורן . . . . . . . . . . . . . . 17

ז. יאַבלאָנסקי — דער אַרכיוו פון לעאָן טראָצקי . . . . . . . . . . 19

זיי האָבן זיך פאַרקוקט אויף די יידן — איבערזעצט און באַאַרבעט: מ. א. 20

שרה זילבערמאַן — עוואָלוציע, נישט רעוואָלוציע אין דער ייד. ליטעראַטור 22

מ. אייזענבוד — די אַספּיראַציעס פון דער מומע רייצע (דערציילונג) . . 24


פּרייז 1 דאָלאַר

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

זורן נר. 4 (24) סעפטעמבער–אקטאבער 1980